# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 137 - Spring 2001 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6j82r38f

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 137(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
2001

### Copyright Information
Copyright 2001 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור־קלוב**

# 137

פרילינג
תשס"א

SPRING
2001

# אינהאַלט

מ.ש.: 55 יאָר "חשבון" .... 3
ד. וואָלפּע: לידער .... 4
מ. וואָלף: דאָס לעבן און גורל פון וואַסילי גראָסמאַן .... 7
א. שפּיגלבלאַט: דער באָבעס לעצטער וועג .... 19
י. גור־אריה: ליד .... 24
מ. שקליאַר: לידער .... 25
ד. ראָזנטאַל: אין זכרון פון ישראל שטערן .... 27
י. שטערן: ליד .... 30
י. פּאַטער: די וואָרצלען פון ריכאַרד וואַגנערס אַנטיסעמיטיזם .... 31
פּ. פּלאָטקין: לידער .... 42
מ. אייזענבוד: אין קרייז פון גורל .... 44
מ. קאַראַל: לידער .... 53
ל. באַראָוויק: ליד .... 54
ש. סימכאָוויטש: געזעגענונג מיט מיין חרובער היים .... 55
מ. בן שלמה זאב: מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש .... 59
ג. סלוצקי־קאָהן: ליד .... 67
אָנגעקומען אין רעדאַקציע .... 68
נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב .... 69
י. סאָסקי: אַרכיוור־ווינקל .... 70

---

## דאַנק־אויסדרוק

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק די לייענער און פריינד פון "חשבון" וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די ראש־השנה באַגריסונגען, ווי אויך פאַר זייערע באַשטייערונגען, וואָס דערמוטיקן און דערמעגלעכן אונדז אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל.

***

צוליב אַ פאַרזען איז אין "חשבון" נומ. 36 אַדורכגעלאָזט געוואָרן די ראש השנה באַגריסונג פון **רחל פערעלסאָן**. מיר דריקן אויס באַדויער און בעטן אַנטשולדיקונג.

**רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"**

## זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
## אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברעגנטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 **אָדער טעלעפאָנירט**



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

**נומ. 137**

**פּעריאָדישע שריפט**
פֿאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פּאַרוואַלטונג מיטגלידער:
**נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.**
**צבי הירש, פּאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**יעקב שייפער**

**55־ער יאָרגאַנג, נומער 137 • פרילינג 2001 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.**


## 55 יאָר "חשבון"

בעת דעם שבתדיקן צוניפֿקום אין אונדזער יידישן קולטור־קלוב ווען עס איז, אַ ביסל פּריצייטיק, אָפּגעמערקט געוואָרן דער פֿאַקט, אַז עס ווערט שוין 55 יאָר זינט "חשבון" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט אונדזער פֿריינד פּסח מאַלעוויטש אַרויסבאַקומען פֿון זיין בריוועטאַש אַן אַלטן, אַ ביסל פֿון דער צייט פֿאַרגעלטן זשורנאַל, און אים באַוויזן דעם עולם. "דאָס איז דער ערשטער נומער "חשבון" מיט דער דאַטע 1946" – האָט ער געזאָגט. פּסח מאַלעוויטש דערציילט, אַז ער האָט דעם זשורנאַל געפֿונען צופֿעליק, זוכנדיק צווישן אַלטע שמות ערגעץ אויף אַן אויספּאַרקויף פֿון ביכער. ער היט דעם עקזעמפּליאַר ווי אַן אבן טוב און וויל אים נישט אַרויסלאָזן פֿון האַנט. און נישט קיין ווונדער. עס איז דאָך, היינט צו טאָג, אַן א"ג ווייסע קראָ, הגם 55 יאָר אין לעבן פֿון אַ זשורנאַל איז נישט אַזאַ לאַנגע צייט. און אפשר איז עס יאָ, ווען עס רעדט זיך וועגן אַ יידישן זשורנאַל. זענען דאָך שוין פֿאַר דער אָ צייט אויפֿגעקומען און אונטערגעגאַנגען נישט ווייניק יידישע צייטשריפֿטן!

דער איצטיקער רעדאַקטאָר פֿון "חשבון" איז מקנא געווען מאַלעוויטשן, ווייל ער האָט נישט דעם ערשטן נומער פֿונעם זשורנאַל און האָט אים קיין מאָל נישט געזען. נאָר יענער האָט אים נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פֿון האַנט... האָט ער, דער רעדאַקטאָר, זיך געמוזט באַנוגענען מיט קוקן אַ ביסל פֿון דער וויטנס און פּרווון זיך פֿאָרשטעלן אין דמיון יענע ווייטע צייטן ווען דער "חשבון" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען און לאָס־אַנדזשעלעס איז נאָך געווען אַ היפּשער יידישער קולטור־צענטער. עס האָבן דאָ געלעבט און געשאַפֿן אַזעלכע אָנגעזעענע יידישע שרייבערס ווי פּרץ הירשביין, ה. רויזענבלאַט, מלכה חפֿץ־טוזמאַן א"אַנד. און זיי האָבן געהאַט אַרום זיך אַ גרויסע יידיש־רעדנדיקע סביבה, וועלכע האָט זיך גענייטיקט אין אַ שריפֿט, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען אירע אַקטיוויטעטן פֿאַר דער אינערלעכער און אויסערלעכער וועלט.

...און אַזוי, דערציילט די כראָניק, איז אַנטשטאַנען אונדזער "חשבון", און זיינע ערשטע רעדאַקטאָרן, ה. רויזענבלאַט, יצחק פֿרידלאַנד און אליהו טענענהאָלץ האָבן אים באַשיידן באַצייכנט ווי אַ "בולעטין". זינט יענער צייט איז דער "בולעטין" זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן, אויב נישט אינעם פֿאָרמאַט, איז

(המשך אויף ז' 52)

דוד וואָלפע / יאָהאַנעסבורג

# אוי-ווײ, פּאַרוואָס

און איצט, ביים סוף פון לעבן,
לאָמיר דערציילן דעם אמת פון יענע טעג:
עמעץ האָט דעמאָלט פון מיר געמאָנט,
געוועקט מיך און דערמאָנט: לעב!

ווער איז געווען דער עמעץ
וואָס האָט מיר אין האַרצן
געסודעט צו באַגערן דאָס לעבן,
ווען אַ בלאַנקע האַק איבער מיין קאָפּ
געווען איז פאַרהויבן,
און אַרום מיר מיט בלוט האָט גערעגנט?

זומער איז דעמאָלט געווען.
די זון האָט אַנטבלויזט איר גאָלדיקע לייב,
ווי אַ זונה געשמייכלט צו די טייוולשע זין
און זיי באַשיינט מיט איר ליכט.
אַ געגנבעטער שטראַלכעלע
האָט אויך מיך געטאָן אַ גלעט
און איך האָב געוווסט:
האַמלעט וועט שוין מער ניט פרעגן
זיין קלאַסישע שאלה.
אַלע טויטע יידן האָבן שוין דעם ענטפער
צעקייט מיט דער ערד.
באַשטיוולטע לילית און נאַכטיקע לילה
האָבן צעטראַמפּלט אין מיסט שעקספּירס בלעטלעך
און דאָס תהילימל פון דודס גאָט
האָט זיך געוואַלגערט אויף די בלוטיקע מערק
פון צעקאָסעטע יידישע שטעטלעך.

האָט עמעץ אין די בלאָטיקע געסלעך
די הייליקע שמות געקליבן
און זיי אויף מיין האַרצן געלייגט
ווי די פייכטע תורה־גווילין פון רבי עקיבא
און געמורמלט צו מיר מיט יידישע ווערטער:
אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן – –

ביי אַ פאַרקווילטן עמוד און אַ פאַרלאָשן ליכטל
האָט אַ מנין טויטע יידן נאָך זיך קדיש געזאָגט.
זיי זענען געווען די לעצט־געשאָכטענע
אין יענעם שוואַרצן שחיטה־טאָג.
האָב איך זיך געזעצט שיבעה

אויף דער שוועל פון חרובן בית־מדרש
און ווי איוב געקלאָגט אויפן טויט.
מיט אַ מאָל האָט דער אָרון־קודש געברענט
און אין זיין פלאַקער האָט
מיין פרום־נאַיווער גלויבן זיך געלאָשן און פאַרלאָשן.

פאַרבליבן איז אַ הייפל יזכור־אַש
אין מיין מוח־קרעמאַטאָריע.
און איך לעב נאָך, אוי־ווי, איך לעב - -

איך וואַנדל דורך דעם סודותדיקן וואַלד
פון יענע טאָג־נאַכטיקע קאָשמאַרן -
אויף מיר שטאַרן גליווערדיקע אויגן
פון שאָטנדיקע יינגלעך, מיידלעך,
און זייערע שטימען זשומען
ווי געפלאַצטע סטרונעס פון צעבראָכענע פידלען
איבער אָפענע תהומען, און זיי שווימען אַרויף
צו פילן זייערע ניט אויסגעלעבטע יאָרן.
זיי ליספערן אין מושל פון מיין אויער,
ווי דער ים אין צאָרן דונערט זייער פרעגן:
פאַרוואָס איך לעב?
און עס עכאָט מיר אין האַרצן
מיט אַ געפויק פון אַלע אויפגעוועקטע שרעקן,
און אַלע מיינע לעבעדיקע גלידער שרייען:
פאַרוואָס?
אוי־ווי, פאַרוואָס?

יום כיפור תשס״א 9.10.2000

## לעבן איז פאַראַן

ליכטיק ווערט מיר, דעם פאַרעקשנטן ניט־גלייבער,
צו פילן אַז מיין אַלטע וועלט דרייט זיך ווי געוועז.
אָט וועל איך דיר פון טויטן חלום באַלד אויפהייבן
צום לעבן רוישיקן, ווי גאָרנישט וואָלט געשען.

און מיר וועלן זיך צעקושן מיטן שיינעם לעבן,
וואָס איז צעבליט אין פרילינגדיקן ראָז.
מיטן יונגן דור מיר וועלן זיך פאַרוועבן
און פאַרשיכורט קייקלען זיך אין גרינעם גראָז.

ועט דער חלום צערטלען אונדז מיט כישופדיקן ליכט,
ביז ער וועט ווי אַ גרודע טרוקן ערד זיך צעשטויבן,
וועסטו זאָגן צו מיין גראָזיקן געזיכט:
היי! פיל, לעבן איז פאַראַן, דו פאַרעקשנטער ניט־גלייבער.

10.27.2000

## קוש פון לעבן

איך קען דיר מער קיין קוש ניט  געבן,
נאָר איך קוש דיר אין געדאַנק.
דו ביסט געווען דער קוש פון לעבן
אין מיין אָרעמען געזאַנג.

יענעם קוש פון מויל צו מויל
קען איך מער ניט פילן.
אָ, ווי גוט, ווי ליב און וויל
געווען איז זיך פאַרשפילן.

האָסטו דעמאָלט מיך פאַרנאַרט
אין נעץ פון דיינע שטראַלן.
איך וואָלט אַן אייביקייט געוואַרט -
מיט קושן דיר באַפאַלן.

אַלע קושן האָט די נאַכט
ווי פלאַטערלעך צעשטייביקט.
אויב פאַראַן אַזאַ מין זאַך
ווי טרעפן זיך אין אייביק -

טראָג איך אַהין מיין הייסן קוש,
מיט בענקשאַפטן פאַרזיגלט -
אָט וועל איך ברענגען אים, איך מוז,
צו דיין ערדיש וויגל.

דו ביסט געווען דער קוש פון לעבן
אין מיין אָרעמען געזאַנג.
איך קען מער דעם קוש ניט געבן,
קוש איך דיר אין מיין געדאַנק.

10.30.2000

## וועג צום סוף

אַלע געוועטן זענען שוין פאַרשפילטע
און איך גיי ווייטער
אין צייטן פאַרשטילטע

אַלע באַגערן זענען שוין פאַרקילטע
און איך גיי ווייטער
אין שאָטנס אַ פאַרהילטער

אַלע חלומות זענען שוין צערונען
און איך גיי ווייטער
די נאַכט אַ שוואַרצער ברונעם

אַלע פאַנטאַזיעס זענען שוין פאַרלאָשן
און איך גיי ווייטער
דריי פוסטע מילן דאָך־קישאָטיש

←

משה וואָלף

# דאָס לעבן און גורל פון רוסיש־יידישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן און זיין צושטייער צום "שוואַרצן בוך"

## א.
## אָנשטאָט אַן הקדמה

"שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי"
זיי האָבן מיך געמאַכט אַ היטערין פון די ווייגגערטענער
מיין אייגענעם האָב איך ניט אָפּגעהיט." (שיר השירים; א, 6)

שוין אין סוף פון דעם 19־טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער רוסישער ליטעראַטור יידישע שרייבערס און פּאָעטן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע האָט די דאָזיקע אינפילטראַציע אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין די מלחמה־יאָרן און לאַנג נאָך שפּעטער איז מער ווי אַ דריט־חלק פון די מיטגלידער פונעם מאָסקווער סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין, באַשטאַנען פון יידן. ביז היינט צו טאָג, ניט געקוקט אויף דעם דויערנדיקן אַנטיסעמיטיזם, לעבן נאָך און שאַפן אין רוסיש (און אויך אויף אַנדערע ניט־יידישע שפּראַכן) אַ סך יידיש־רוסישע שרייבערס און פּאָעטן.

די באַצייכענונג "יידיש־רוסישע" (ווי אויך יידיש־פּוילישע, יידיש־פראַנצויזישע, יידיש־אַמעריקאַנישע,־ענגלישע, א.אַ.) איז ניט קיין געלונגענע. און ניט שטענדיק אַ קאָרעקטע. מען נוצט זיך מיט איר, ווייל עס איז ניטאָ קיין בעסערע. זי איז אָבער מסוגל אַריינפירן אין אַ טעות. ווייל דאָס קאָן באַטייטן, אַז די רייד גייט וועגן צווייספּראַכיקע יידישע שפּעער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין זייערע יידישע היימען און שולן,

---

עס דרייט זיך מיט דער טרויער
און איך גיי ווייטער
אַלע גאַסן זענען דאָ קאַפּויער

זיי פירן צו אַ טאָל באַרג־אַראָפּ
און איך גיי ווייטער
אויפן קאָפּ

די פּיס באָמבלען אין דער לופט
און איך גיי ווייטער
אַ קול צו מיר רופט: סטאָפּ!

איך שטעל זיך אָפּ
אויף מיין צערונצלט באַק אַ טרער רינט
און אַ האַנט שרייבט אויף
מיט גראָדגרינער טינט
דער
וועג
צום
סוף

*

לידער אין גאַנג באַרג־אַראָפּ –
ווי זינג איך פּאַרסופּיקט, אומגלייביק?
מיין וועג איז פּאַרספּעקט, פּאַרסטאָפּט –
ווי זוך איך דיר אויפעט אין אייביק?

נאָוועמבער 2000

און צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי זיך אויסגעלעבט אין דער רוסישער שפּראַך, און דערפֿאַר איז דער תּוך פֿון זייערע שאַפֿונגען און דאָס שילדערן דעם שטייגער און פּראָבלעמען פֿונעם יידישן לעבן אויסגעפּילט אין דער לאַנד־שפּראַך.

אָבער דאָס איז ניט שטענדיק אַזוי: אָט לאָמיר נעמען די באַוווּסטע קונסט־און ליטעראַטור־פֿאָרשערס זינאָווי קריין, טוזמאַן. די באַרימטע שרייבערס באָריס פּאַסטערנאַק, לעוו קאַסיל, יוסף דיק, עלזאַ טריאָלע, קאַווערין און אַ היפּשע צאָל פּאָעטן: אָסיפּ מאַנדעלשטאַם, עדואַרד באַגריצקי, פּאַוועל אַנטאַקאָלסקי, מיכאַיל סוועטלאָוו, יוסף בראָדסקי, און נאָך און נאָך. אַלע זיי זענען געבוירן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, אָבער זייער יידישער אָפּשטאַם איז ניט געווען קענטיק ניט אין זייער שרייבן און נישט אויף אַן אַנדער אופֿן. דער פֿאַקט, וואָס זיי שטאַמען פֿון יידן האָט זיי קיינמאָל ניט אָנגערירט. נאָר ביי אייניקע פֿון זיי, בעת די גרויסע יידישע אומגליקן, באַזונדערס ווען זיי האָבן געטראָפֿן אויך זיי, גופֿא, רופֿט זיך אָפּ דאָס דערשטיקטע פֿינטעלע ייד. (מאַרגאַריטאַ אָליגער, באָריס סלוצקי, פּאַוועל אַנטאַקאָלסקי א.אַ.).

געווען און פֿאַראַן, אָבער, שרייבערס (איליאַ ערענבורג, איסאַק באַבעל, אַרנאָלד מאַנדעל און אַ ריי אַנדערע). וועמענס באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען יידן, האָט זיך אויסגעדריקט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אויך אין זייער שרייבן. דער פּרוּווּשטיין אין זייער שאַפֿן איז געווען די יידישע שפּירונג, די צוגעבונדנקייט מיט דער יידישער גורלדיקייט. דער פֿראַנצויזיש־יידישער שרייבער עדמאַן זשאַבעס האָט בשעתו אונטערגעשטראָכן, אַז "דער יידישער שרייבער דאַרף זיין וואַכזאַם צו די פֿאַרשיידענע געשעענישן און פּורעניותן, וועלכע ס'איז אָנגענומען צו רופֿן "יידישע גורלדיקייט". אַזאַ וואַכזאַמער אינטערעס צום יידישן גורל האָט זיך אָנגעהויבן ביי דעם יידיש־רוסישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן נאָר אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זיין לעבן, אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1939־1945), זייענדיק אַ גבֿית־עדות פֿון דער דייטשישער אויסראָטונג פֿון די יידישע מאַסן (צווישן זיי אויך זיין מאַמע און אַ סך קרובֿים) וועמענס איין־און־איינציקע שולד איז געווען נאָר זייער יידישער אָפּשטאַם; און אויך נאָך דעם גרויסן חורבן, ווען אין דער סאָוועטישער "אימפּעריע פֿון שלעכטס" האָבן זיך צעפֿלאַקערט די אָנגרייפֿנדיקע אַנטיסעמיטישע אַקציעס, האָט זיך וואַסילי גראָסמאַנס. וואַכזאַמקייט צום יידישן גורל פֿאַרוואַנדלט אין אַן עקשנותדיקן קאַמף קעגן מענטשלעכן אומרעכט, פֿאַלשע סאָוועטישע לאָזונגען און קעגן דער זאָאָלאָגישער שנאה צום יידן.

קיין פּרטימדיקע ביאָגראַפֿיע וועגן וואַסילי גראָסמאַן איז נישטאָ. אין דער מאָנומענטאַלער ביאָגראַפֿישער זאַמלונג האָט זיך קיין אָרט פֿאַר אים נישט געפֿונען. ביז היינט איז נישט באַוווּסט דער גורל פֿון זיין פּערזענלעכן אַרכיוו. ער איז פֿאַרשלאָסן אין די ניט צוטרעטלעכע געהיימע מלוכה־אַרכיוון; אין דער "קורצער יידישער ענציקלאָפּעדיע" אין רוסיש, (ירושלים, 1982, באַנד 2, ז' 231), איז יאָ דאָ אַ ביז גאָר קורצער אַרטיקל געווידמעט דעם אינהאַלט און דעם ניט איבערגייענדיקן ווערט פֿון וו. גראָסמאַנס יצירות. דער נאָמען און די שאַפֿונגען פֿון דעם סאָוועטישן יידיש־רוסישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן אין זיין היימלאַנד זענען שוין פֿאַרגעסן געוואָרן, און אין אויסלאַנד איז ער בכלל ניט באַוווּסט. מוז מען זיך שטיצן אויף פֿאַרשיידענע פּובליקאַציעס אין וועלכע עס ווערן געבראַכט עפּיזאָדן פֿון זיין לעבן און שאַפֿן. צווישן זיי האָט אַ גרויסע ווערט די רוסישע מאָנאָגראַפֿיע פֿון שמעון מאַרקישן "דער ביישפּיל פֿון וואַסילי גראָסמאַן".

## ב.

„ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה"
„און דאָס זענען די נעמען פון די יידן,
וואָס זענען געקומען קיין מצרים") חומש „שמות א, 1.

גראָסמאַן וואַסילי סאָלאָמאָנאָוויטש (זיין עכטער יידישער נאָמען - יוסף בן שלמה) איז געבוירן געוואָרן אין 1905 אין „ירושלים ד'וואָלין", אין דער יידישער שטאָט באַרדיטשעוו, אין וועלכער, מער פון 50% (ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה - 80%) איינוווינער זענען געווען יידן. באַרדיטשעוו איז געווען איינער פון די גרעסטע יידישע קולטורעלע, חסידישע, און עקאָנאָמישע צענטערס פון דרום־מערב רוסלאַנד, די היימשטאָט פון דעם באַוווסטן בעל־שם, „רבי לוי יצחק בן שרה פון באַרדיטשעוו". די דאָזיקע שטאָט האָט געשאָנקען דער וועלט די צוויי ברידער אַנטאָן און ניקאָליי רובינשטיין, וועלכע האָבן געגרינדעט און לאַנגע יאָרן אויסגעהאַלטן די באַוווסטע קאָנסערוואַטאָריעס אין פעטערבורג און אין מאָסקווע.

באַרדיטשעוו איז געווען באַוווסט מיט איר יידישן פּראָלעטאַריאַט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער „בונד". ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַרדיטשעוו ניט געליטן פון אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען.

גראָסמאַן איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַסימילירטער פאַמיליע, דער פאָטער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ כעמיע־אינזשעניער; די מאַמע - אַ לערערין פון פראַנצויזישער שפּראַך. אַ דאַנק איר, איז פראַנצויזיש געוואָרן דאָס „מאַמע־לשון" פון אירע קינדער. ביז צום סוף פון זיין לעבן האָט גראָסמאַן געלייענט אין אָריגענאַל פראַנצויזישע ביכער, דעקלאַמירט אויף אויסנווייניק מיוסע, מאָפּאַסאַנען און דאָדע.

דאָך איז ניט צו פאַרשטיין צוליב וואָס האָט זיין אַסימילירטער פאָטער אים פאַרמאַסקירט און פאַרביטן זיין פּרעכטיקן יידישן נאָמען יוסף (מיט וועלכן עס נוצן זיך נישט נאָר יידן) אויף „וואַסילי". אַפילו שלום־עליכם, וועלכער האָט בשעתו פאַרטייטשט ווי אַזוי מען פאַרוואַנדלט דעם נאָמען „חיים" אויף „פּיעטי", וואָלט ניט געקאָנט מסביר זיין די אויבן אָנגעוויזענע טראַנספאָרמאַציע. יעדער איינער, וואָס האָט כאָטש איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף זיין ליכטיקן פנים, האָט מאָמענטאַל דערקאָנט אין אים דעם ייד. און ער, האָט פון דער דאָזיקער משונהדיקער סיטואַציע שטאַרק געליטן.

גראָסמאַן האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין דרייסטקייט און נישט שרעקעוודיקן כאַראַקטער, מיט זיין פּרינציפּיעלער איבערגעגעבנקייט צו פרייהייט. מיט געוואַגטער עקשנות פלעגט ער פאַרטיידיקן זיינע פרייידענקערישע אידעאַלן. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן דעם מינדסטן שקר פון חברים און נאָענטע.

אין 1914 האָבן די עלטערן אים אַוועקגעפירט קיין קיעוו און אים איינגעאָרדנט אין דער קיעווער „רעאַלער" שולע (אוטשילישטשע"), ווו ער האָט זיך געלערנט ביז דענם סוף פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין 1919 קערט ער זיך אום צוריק אַהיים, פאַרענדיקט דאָרט די „איינהאַלטלעכע אַרבעטער־שולע". איינציייטיק אַרבעט ער אַלס רעפעטיטער. אין 1921 קומט ער אָן אין „קיעווער אינסטיטוט פאַר פאָלקס־בילדונג", אין 2 יאָר אַרום טרעט ער אַריין אין „ערשטן מאָסקווער מלוכישן אוניווערסיטעט". הויבט אָן צו שרייבן פובליציסטישע אַרטיקלען, וועלכע דערשיינען אין די אָנגעזעענסטע רוסישע צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבעס. מחמת מאַטעריעלע שוועריקייטן, מוז ער פאַראייניקן דאָס לערנען מיט פאַרשידענע צוגאָבלעכע אַרבעטן - די ערשטע צייט

אַלס דערציִער אין דער אַרבעט־קאָלאָניע פֿאַר פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער, דערנאָך - אין אַן עקספּעדיציע אין מיטל־אַזיע, און ווייטער אַלס אַ פּריוואַטער לערער פֿון פֿראַנצויזיש; אין קיִעוו האָט ער חתונה געהאַט, און אין גיכן ווערט געבוירן אַ טעכטערל קאַטיאַ.

אין 1929 נאָכן פֿאַרענדיקן דעם כעמישן פֿאַקולטעט, ווערט דער קינפֿטיקער שרייבער אַוועקגעשיקט קיין דאָנבאַס, אין אַ קוילן־שאַכטע, ווו ער אַרבעט פֿון גאַנץ־פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף דריי שטעלעס: אַלס אַ כעמיע־אַנאַליטיקער, איינצייטיק אַלס אַן עלטסטער וויסנשאַפֿטלעכער מיטאַרבעטער אין דעם אינסטיטוט פֿאַר פּאַטאַלאָגיע און אַרבעט־היגיענע, און אויך אַלס אַסיסטענט פֿון דער קאַטעדרע פֿאַר נישטאָרגאַנישער כעמיע אין מעדיצינישן אינסטיטוט. מחמת זיין שטענדיקער פֿאַרנומענקייט האָט גראָסמאַן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אין דער נויטיקער מאָס זיך אָפּגעבן דער היים און דער פֿרוי. זי פֿאַרלאָזט אים און צוזאַמען מיטן טעכטערל קערט זי זיך אום צוריק קיין קיִעוו. גראָסמאַן לעבט שטאַרק איבער דעם איינרייס, וואָס האָט פֿאַרגרעסערט זיין עלנטקייט. אין 1933 קערט זיך אום גראָסמאַן קיין מאָסקווע, אַרבעט אַלס אינזשעניער אין אַ בלייפֿעדער־פֿאַבריק. לעבט ווייטיקלעך איבער די פֿאַרשידענע אינסצעניזירטע פּאָליטישע פּראָצעסן, די מאַסן־אַרעסטן און צעשיסונגען פֿון טויזנטער אומשולדיקע מענטשן. שטילערהייט איז ער ממשיך זיין ליטעראַרישע אַרבעט.

אין 1973 איז ווי אַ "שונא פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק". אַרעסטירט געוואָרן וו. גראָסמאַנס אַ זייער נאָענטער פֿריינד, ה. גובער. אויף אָלגע גרובערס הענט זענען פֿאַרבליבן 2 קליינינקע קינדער. ניט וואַקלענדיק זיך, האָט גראָסמאַן חתונה פֿאַר אָלגע גובער און אַדאָפּטירט אירע צוויי קינדער. אין גיכן האָט מען אויך אָלגען, "ווי אַ מיטגליד פֿון אַ שונא פֿון פֿאָלק", אַרעסטירט. גראָסמאַן ווענדט זיך מיט אַ בריוו צו יעזשאָוון, דעם אַכזריותדיקן הויפּט פֿון די מלוכה־זיכערהייט אָרגאַנען, אין וועלכן ער באַשטייט, אַז זיין פֿרוי קאָן ניט פֿאַררעכנט ווערן ווי אַ מיטגליד פֿון אַ "שונאס" פֿאַמיליע. ער פֿאָדערט מען זאָל זי אַרויסלאָזן פֿון דער טורמע. און מען האָט זי טאַקע באַפֿרייט.

אין יענע יאָרן דערשיינט גראָסמאַנס ראָמאַן "סטעפּאַן קאָלטשוגין", וועלכער ווערט אויפֿגענומען ווי אַ ביז גאָר וויכטיקע דערשיינונג אין דער סאָוועטיש רוסישער ליטעראַטור און ווערט אַרויסגעשטעלט צו באַקומען די (העכסטע) פּרעמיע אויף סטאַלינס נאָמען, ערב דער פּובליקאַציע פֿון דער ליסטע מיט די נעמען פֿון די לאַוראַטן האָט מען פֿון דער אָפֿיציעל־פּאַרטייאישער צייטונג "פּראַוודאַ" ("אמת") גראָסמאַנען אָנגעקלונגען און באַגריסט מיט דעם הויכן טיטול. צומאָרגנס, אָבער, האָט זיך זיין נאָמען אין צעטל ניט געפֿונען. סטאַלין האָט זיין נאָמען אויסגעמעקט און דערקלערט דעם ראָמאַן ווי אַ "מענשעוויסטיש". איבער גראָסמאַנס גורל האָט זיך פֿאַרצויגן אַ שוואַרצער וואָלקן - די שרעקלעכע געפֿאַר פֿון רעפּרעסיעס.

דער אָנפֿאַל פֿון די היטלעריסטישע חיילות אויף דעם ראַטנפֿאַרבאַנד אין 22־טן יוני 1941 האָט אויף אַ געוויסע צייט אָפּגעריקט די שטראָף־מיטלען פֿון גראָסמאַנס קאָפּ. ער ווערט מאָביליזירט און באַשטימט אַלס מלחמה־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער הויפּט־מיליטערישער צייטונג "קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" ("דער רויטער שטערן"). פֿיר יאָר נעמט גראָסמאַן אָנטייל אין די שלאַכטן און שיקט יעדן טאָג אַרטיקלען וועגן דעם וואַנדאַליזם און מערדערייען פֿון די נאַצישע מחבלים און וועגן דער אָנסופֿיקער איבערגעגעבנקייט פֿון דעם סאָלדאַט צו דער סאָוועטישער מאַכט, אין די טעג פֿון די בלוטיקע קאַמפֿן אַרום סטאַלינגראַד דערשיינט גראָסמאַנס אַרטיקל "די ריכטונג פֿון

דעם הויפּט־אָנגריף" ("נאַפּראַוולעניע גלאַוונאָגאָ אודאַראַ"), וועלכער איז לויט סטאַלינס באַפעל איבערגעדריקט געוואָרן אין אַלע מלוכה־און פּאַרטיי־צייטונגען. און איז אַריין אין דעם גאָלדענעם פּאָנד פון מלחמה־פּובליציסטיק.

נאָך דער מלחמה ווידמעט גראָסמאַן זיין גאַנץ לעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט שרייבט פיל אַרטיקלען און גרויסע ראָמאַנען, וועלכע ברענגען אים שעפערישע פרייד, לויב און פאַרערונג פון די אָנגעזעענסטע דעמאָקראַטישע שרייבערס און קריטיקערס, אָבער אויך - לייד און פּיין פון פאַרשיידענע רעאַקציאָנערישע, שוואַרץ־מאהיקע "ליטעראַרישע" קרייזן, וועלכע מאַכן אוממעגלעך דאָס ווייטערדיקע פּובליקירן זיינע שריפטן, פאַרשוואַרצן זיין לעבן און פאַרקירצן זיינע יאָרן. אין 1964, אַן אַנטוישטער, גייסטיק און פיזיש אַן אויסגעמאַטערטער, האָט וויסילי גראָסמאַן פאַרלאָזט די זינדיקע וועלט.

## ג.

"און מיט דעם וועל איך זיין נוצלעך מיין פאָלק,
וואָס כ'האָב מיט מיין לירע גוטע געפילן געוועקט,
און אין מיין אַכזריותדיקער צייט, פרייהייט
און גוטהאַרציקייט צו די געפאַלענע געפאָדערט"
(אַ ס. פושקין "דער דענקמאָל".
פרייע איבערזעצונג פון רוסיש - מ. וו.)

פאַר דעם יידישן לייענער איז צווישן אַלע פּראָבלעמען פון גראָסמאַנס שאַפונגען ביז גאָר וויכטיק דער יידישער אַספּעקט - גראָסמאַנס נאַציאָנאַלער זעלבסט באַוווסטזיין, זיין באַציונג צו זיין יידישן אָפּשטאַם, צו דעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג בעת דער רעוואָלוציע און בירגערקריג און באַזונדערס, צו דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק בעת דער אַזוי גרויפענער "פאַטערלענדישער", מלחמה, - בעת די בלוטיקע קאַמפּן און דער נאַצישער אויסראָטונג פון מיליאָנען יידן.

ביז דער מלחמה האָט וויסילי גראָסמאַן זיך איסענטיפיצירט מיט דער סאָוועטיש־רוסישער אומגעבונג, ער אַליין און זיינע רוסישע קאָלעגן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ רוסישן שרייבער. הגם ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעלייקנט זיין יידישן אָפּשטאַם.

אין 1934 דערשיינט גראָסמאַנס דערציילונג "אין דער שטאָט באַרדיטשעוו", וועלכע עס האָט איבערגעלייענט מאַקסים גאָרקי. ער האָט באַלד אונטערגעשטראָכן דעם טאַלאַנט פונעם שרייבער. אין דער דערציילונג ווערט מיט גרויס מייסטערשאַפט געשילדערט דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון דער יידישער שטאָט באַרדיטשעוו אין די יאָרן פון בירגער־קריג. באַזונדערס, איז דייטלעך באַשריבן דער רוישנדיקער און בשפעדיקער מאַרק פון דער שטאָט:

"מענטשן האָבן פאַרקויפט, געקויפט, געטאַפּט, פּראָבירט... טיפּזיניק געהויבן זייערע אויגן, פונקט ווי זיי וואָלטן געוואַרט פונעם בלויען הימל אַן עצה קויפן אַ העכט אָדער אַ קאַרפּ. דערביי האָבן אַלע געשריגן. זיך געשווירן, איינער דעם אַנדערן געשאָלטן און בשעת מעשה געלאַכט" (...)

"אַ בלינדער בעטלער מיט אַ ווייסער באָרד פון אַ כישוף־מאַכער האָט תפילהדיק און טראַגיש געוויינט, בעטלעריש אויסגעצויגן די הענט, נאָר דאָס האָט קיינעם ניט גערירט - אַלע פלעגן גלייכגילטיק אים אויסמיידן. נאָר איין אַלטע פויערטע האָט אָפּגעצופּט פון אַ גרענצל אַ קליינטשיקע ציבלקע און זי אַריינגעוואָרפן אין דעם

אַלטנס אייזערנעם שיסעלע. ער האָט באַטאַפּט די ציבלקע, אויפגעהערט צו דאַוונען און בייז אַ זאָג געטאָן: "דיינע קינדער זאָלן דיר אין דיין טיפער עלטער געבן דאָס זעלבע" - און האָט ווידער פאַרצויגן זיין אַלטע, ווי דאָס יידישע פאָלק, תפילה" (דאָ און ווייטער - אין מיין איבערזעצונג)

אין דער דערציילונג שילדערט גראָסמאַן מיט גרויס קינסטלערישקייט אַ גאַנצע גאַלעריע פון יידישע טיפּן און פאַרשיידענע בילדער פון דעם דעמלטיקן יידישן לעבן אין באַרדיטשעוו. אָבער ניט געקוקט אויף דעם יידישן קאָלאָריט און אויף דער רייכקייט פון שטייגערישן מאַטעריאַל, האָט נישט די דערציילונג קיין אינטימע באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס איז אַ טיפּיש רוסישע, קאַלט־רעאַליסטיש געמאָלטע דערציילונג, אָן יידישן חן און רחמים־געפיל, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַפילו אין די ניט־יידישע שפּראַכן. (איסאַק באַבעל). גאָרקיס ווילגענייגטע באַציונג צו דעם שרייבערס ערשטע טריט אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט דערלויבט גראָסמאַנען ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער. ער הערט אויף צו אַרבעטן אין דער בלייפעדער־פאַבריק און נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין ליטעראַרישן לעבן פון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט, מאָסקווע. אין די פּרעסטיזשסטע זשורנאַלן דרוקן זיך איינע נאָך דער אַנדערער גראָסמאַנס דערציילונגען. ביז דעם אָנהייב פון דער מלחמה זענען אַרויס 10 זיינע קליינע נאָוועלן און צוויי גרויסע דערציילונגען (פּאָוויעסטי). פון זיי האָבן פאַר אונדזער טעמע און פאַר דער פּערספּעקטיוו פון דער ווייטערדיקער מעטאַמאָרפאָזע פון גראָסמאַנס שאַפן אַ ווערט צוויי דערציילונגען - "פיר טעג" און "ציילאָנער גראַפּיט".

אין די "פיר טעג" פירט אַרויס דער שרייבער אַ יידישן קאָמאַנדיר פאַקטאָראָוויטשן. אַ פאַנאַטישן אַסקעט, וועלכער איז גרייט אָפּגעבן זיין אייגן לעבן און אַפילו דאָס לעבן פון זיין משפחה פאַר דער רעוואָלוציע. זייענדיק אַן אויספאָרשער פון דער טשעקאַ, אַרעסטירט ער זיין פעטער. ער ווערט פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער, ווו ער שטאַרבט פון הונגער און פון פלעק־טיפוס. ווען פאַקטאָראָוויטש דערוווסט זיך וועגן דעם, דערמאָנט ער זיך, אַז פון יענער צייט האָט ער ניט געזען נישט זיין טאַטן, נישט זיין מאַמען און נישט זיין שוועסטער. און אָן שום צייכן פון געוויסנביסן פאַרענדיקט ער זיין טראַכטן: "מסתמא זענען זיי אויך שוין געשטאָרבן".

אין דער דערציילונג "ציילאָנער גראַפּיט" שילדערט גראָסמאַן אַ יידישן אינזשעניער, קרוגליאַק, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט זוכן, פאַר דער סאָוועטישער בלייפעדער־אינדוסטריע, גראַפּיט. קרוגליאַק איז איבערגעפולט מיט ענערגיע, און מיט געשעפטמאַנישע קאָמבינאַציעס. ער איז לייכטזיניק, האַלט זיך פאַמיליאַריש און חוצפּהדיק. ער שעמט זיך ניט מיט זיין יידישן אָפּשטאַם - פאַרקערט ער שטרייכט אַפילו אונטער אַז ער איז אַ ייד, שטעלט אַריין אין זיינע רייד יידישע ווערטלעך, באַשיינט זיי מיט דער יידישער אינטאָנאַציע און מיט יידישע שפּאַסן: "איך ווייס"?, (אָנשטאָט "איך ווייס ניט"); "נו, וואָס ס'איז שייך צו זיצן, פאַרוואָס ניט זיצן אין סאָוועטישע באַדינגונגען?" "זאָל איך, ווי ס'האָבן אַמאָל געזאָגט מיינע עלטערן, ניט דערלעבן זען מיינע קינדער אין סאָציאַליסטישן גן עדן, אויב..."

די דאָזיקע טיפּן שילדערט דער שעפער פון דער ווייטנס, אַזוי ווי עס האָבן דאָס געטון אַנדערע רוסישע שרייבער.

וואַסילי גראָסמאַן האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין ווידערגעפיל צו זיין יידישן באָדן, פון וועלכן ער איז אויסגעוואַקסן, ער האָט זיך נישט געשעמט ווי אַ סך אַנדערע (אָסיפּ

מאַנדעלשטאַם, עדואַרד באַגריצקי) מיט דעם קליינשטעטלדיקן שטייגער און שטעטלדיקער פּסיכאָלאָגיע. ער באַציט זיך רויק צו דעם אַלעמען. און אָט דער רויקער קוק, די ניטשעמעוודיקייט זיינע ווייזט אָן, אַז זיין אָנגעהעריקייט צו רוסלאַנד, צו דעם סאָוועטישן רוסלאַנד - און צו דער רוסישער ליטעראַטור, איז געווען פאַרבונדן מיט אים אָרגאַניש, און האָט נישט געפאָדערט פון אים קיין שום באַווייזן און באַשטעטיקונגען.

* * *

די מלחמהע איז געוואָרן אַ קערפּונקט אין לעבן און גורל פון וואַסילי גראָסמאַן. און ס'איז דאָ געגוג אָנווייזונגען, אַז זיין דועל מיט דער סאָוועטישער מאַכט און זיין אָנגעהערונגס-געפיל צו דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך דעם דייטשישן אָנגריף אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד.

גראָסמאַן, אַלס פראָנט-קאָרעספּאָנדענט, האָט די גאַנצע פיר בלוטיקע יאָרן, דורכגעמאַכט מיט דער קעמפנדיקער רויטער ארמיי ער האָט געזען אַלץ - דעם בזיון און יאוש פון דער אַנטלויפענדיקער סאָוועטישער אַרמיי, די חורבות פון צעבאָמבירטע שטעט און פאַרברענטע דערפער, די געטאָס און די דייטשישע פאַרניכטונגס-לאַגערן; און דערנאָך, אויך די פרייד פון זיג און די התפעלות פון די זיגערס. און בלי הרף, נאָך די הייסע שפורן פון די געשעענישן האָט ער געשיקט זיינע דרוקדרינגלעכע רעפּאָרטאַזשן, צוזאַמען מיט אי. ערענבורגן איז ער געווען דער צוממערסטן פּאָפּולערער פּובליציסט פון יענע יאָרן. אי. ערענבורג האָט געהאַלטן, אַז אין דער סעריע פון די סטאַלינגראַדער פאַרצייכענונגען, זענען גראָסמאַנס באַשרייבונגען די סאַמע ערלעכסטע, אָנגעזעענסטע און איבערצייגעוודיקע.

גראָסמאַן האָט אויך איבערגעלעבט אין מיליטער, און אויך אין די באַפרייטע טעריטאָריעס דעם אָנוווּקס פון שאָוויניזם, רוסישן הוראַ-פּאַטריאָטיזם און קאַריעריזם אָבער ווי אַ סך אַנדערע פון יענער צייט האָט גראָסמאַן געגלויבט, אַז נאָך דער מלחמה, וועט זיך אַלץ פאַרבעסערן און די פאַרשידענע דערשיינונגען פון רשעות וועלן אַנטרינען פון דער סאָוועטישער ערד.

אָבער אין גראָסמאַנס מלחמה-דערפאַרונגען זענען אַריין אויך אַנדערע בילדער - בילדער וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם ספּעציפיש יידישן אַספּעקט וועלכער האָט דערנאָך אויסגעווירקט אַן אַנטשיידנדיקע ראָלע אויף זיין גורל און לעבן. די שרעקלעכע מלחמה און די קאָניוגירטע מיט איר קאַטאַסטראָפע פון אייראָפּעישן יידנטום האָבן דערמאָנט גראָסמאַנען וועגן זיין צוגעבונדקייט צום יידישן פאָלק און צו זיין גורל. דאָס האָט אים דערשיטערט און אַרויסגערופן אַ געפיל פון חוב און אַחריות, וואָס האָט אים שטענדיק אויסגעטיילט פון אַנדערע. די רוסישע שרייבערין, נאַטאַליע ראַסקינאַ שרייבט אין אירע דערמאָנונגען, אַז "דאָס האָט אים דערפירט צו משוגעת".

דער מלחמה-קאָרעספּאָנדענט גראָסמאַן איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט דערזען די רעזולטאַטן פון דעם באַרדיטשעווער חורבן; דעם פוסטן געטאָ, די טויט-פאַבריקן, די טיפע קעגנטאַנקן-גריבער, פאַרפולטע מיט יידישע טויטע, אויסגעדאַרטע קערפּערס. פון די 15 על פי נס איבערגעבליבענע ביים לעבן, יידן און פון זיינע אַמאָליקע רוסישע שכנים, דערוווּסט ער זיך וועגן דעם שרעקלעכן גורל פון זיין מאַמען און שוועסטער, און פון דער הונדערט-טויזנדיקער יידישער קהילה. וועגן דעם דאָזיקן באַזוך אין באַרדיטשעוו האָט גראָסמאַן אָנגעשריבן אַ סעריע האַרצרייסנדיקע אַרטיקלען, צווישן זיי "דער אַלטער לערער" און "אוקראַינע אָן יידן".

דער געלערנטער 82־יעריקער זקן ראָזענטאַל, וואָס האָט 50 יאָר געלערנט קינדער אַלגעברע, געאָמעטריע, און דער עיקר גוטסקייט, זאָגט זיך אָפּ פֿון עוואַקואַציע, ווייל "זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט מיט די דאָזיקע מענטשן. מיט זיי איז זיין חוב איבערלעבן זיין ביטערסטע שעה". ערב דער אַקציע קומען צו אים די שכנים זיך באַראַטן, ווי אַזוי זיך פֿירן. איינער פֿון זיי, מענדל דער מוליער, האָט אַ זיפֿץ געטאָן - "מילא, מסתמא איז דאָס אונדזער גורל. די שכנה האָט געזאָגט מיין זון: - "יאַשקע, דו ביסט אין גאַנצן ניט ענלעך אויף אַ ייד; אַנטלויף אין אַ דאָרף אַריין און ווערסט זיך ראַטעווען" און מיין זון האָט איר געענטפֿערט: "איך וויל זיין ענלעך אויף אַ יידן אַהין וווּ מען וועט פֿירן מיין טאַטן, אַהין וועל איך אויך גיין" און ער גיט צו: "נאָך עפּעס וועל איך אייך, זאָגן - אויב עס וועט אויסקומען... וועל איך ניט שטאַרבן ווי אַ שעפּס". ווען די קאָלאָנע יידן איז שוין געווען נאָענט צום ריזיקן ריוו, האָט חיים דער האַמערקלאַפּער מיטאַמאָל אַריבערגעשריגן די קולות פֿונעם המון: נו מענטשן, איך האָב. שוין מיינס אָפּגעלעבט! און ער האָט מיט זיין אָנגעהאַרעוועטער פויסט אַ זעץ געטאָן אין שלייף פֿון דעם באַוואָפֿנטן באַגלייטער, אַ שליידער געטאָן אים אויף דער ערד, אַרויסגעריסן פֿון זיינע הענט די אַווטאָמאַט־ביקס, מיט איר האָט ער געממיתט דעם סאָלדאַט, און אַ זעץ געטאָן אין פּנים פֿון אַן אונטער־אָפֿיצער. וואָס איז פֿון דער זייט געלאָפֿן ראַטעווען דעם געפֿאַלענעם באַגלייטער.

בעת דער צעשיסונג, ביים ברעג פֿונעם ריוו, שטייט אַ קליין מיידעלע. נעבן איר - דער אַלטער לערער. ער נעמט זי אַרויף אויף זיינע הענט, ער ווייסט ניט ווי אַזוי זי צו טרייסטן, פּלוצעם דערהערט ער דעם מיידעלעס קול: - "לערער קוק ניט אַהין אויף יענער זייט, עס וועט אָנפֿאַלן אויף דיר אַ שרעק", און מיט אירע הענטעלעך, ווי אַ מאַמע, האָט זי פֿאַרמאַכט זיינע אויגן".

דער איצטיקער גראָסמאַן, ווי אויך אַנדערע מייסטערס פֿון יידישן וואָרט (חוה ראָזענפֿאַרב, ישעיה שפּיגעל, רבקה קוויאַטקאָווסקי, לילקע מייזנער, רחל אויערבאַך, ק. צעטניק און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם דייטשישן גיהנום) איז שוין ניט מער קיין זייטיקער באַאָבאַכטער. ער לערנט אונדז, אַז נאָר ליבע און גוטסקייט אין ברייטן זין פֿון וואָרט און אויך גייסטיקער (און ווען דאָס איז מעגלעך פֿיזישער) ווידערשטאַנד זענען דער איינציקער קעגנגעוויכט קעגן זאָאָלאָגישע רציחות נאָך מער אָנגעפֿילט מיט יידישן ווייטיק, מיט צוגעבונדקייט צו דער יידישער גורלדיקייט איז גראָסמאַנס פֿאַרצייכענונג "אוקראַינע אָן יידן" - דער איינציקער ספֿר הזכרונות. וואָס איז געוואָרן איבערגעזעצט אויף יידיש און אָפּגעדרוקט אין "איניקייט" אין נאָוועמבער־דעצעמבער 1943. (לויטן באַפֿעל פֿון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען איז ער צעשיקט געוואָרן אין די יידישע קהילות פֿון אַמעריקע אין ענגלאַנד").

אין דער אָנגערופֿענער פֿאַרצייכענונג געפֿינען מיר אַ לאַנגן און טרויערפֿולן, צעטל, וואָס איז ענלעך אויף דער יידישער הזכרת נשמות־תפֿילה. זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: "רוצחיש דערהרגעט איז געוואָרן דאָס פֿאָלק" און די ווערטער - "רוצחיש דערהרגעט" - חזרן זיך איבער ווי אַ רעפֿרען 24 מאָל: ביי דעם איבעררעכענען די טויזנטער נעמען פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן פֿון פֿאָלק. באַזונדערס - פֿון די זויג־קינדער, זייערע עלטערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, פֿון זייערע מאַמעס; פֿון די קראַנקע, גרוי־אַלטע, טויבע און בלינדע באַבעס און זקנים. - "רוצחיש דערהרגעט געוואָרן אין אוקראַינע זענען הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען יידן" - מיט די ווערטער פֿאַרענדיקט ער. גראָסמאַן זיין רעקוויעם, זיין קדיש נאָכן אויסגעראָטענעם יידישן פֿאָלק, גראָסמאַנס

ווערטער קלינגען דאָ, ווי קיינמאָל, האַרב און אַרויסרופנדיק. אָפט דערמאָנען זיי ירמיהוס געוויין אין "איכה".

נאָך שאַרפער האָט גראָסמאַן דאָס איבערגעחזרט אין זיין אַרטיקל "דער טרעבלינקער גיהנום" ("טרעבלינסקי אַד"), וואָס איז דערשינען אין 11־טן נומ. 1944, אין זשורנאַל "זנאַמיאַ" – "די פאָן"). אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן קודם־כל צום רוסישן לייענער, שילדערט גראָסמאַן דעם שרעקלעכן אויסראָטונגס קאָנווייער, אָנגעהויבן פון דער אויסשטייגונג פון די האַלב־לעבעדיקע פון די וואַגאָנען אויפן וואָקזאַל, ביז צו דעם אַרויסליפערן די דערשטיקטע מתים פון די גאַזקאַמערן. מיט האַס באַשרייבט ער די שווייַנעריי פון די הענקערס; און מיט ליבע און רחמים – די מענטשלעכקייט פון די קרבנות; דעם האָפנונגלאָזן סטיכישן ווידערשטאַנד פון יחידים און דעם אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. און וו. גראָסמאַן פאַרענדיקט: "אַלץ דאָס איז אמת" (...) "און עס דאַכט זיך, אַז מיין האַרץ, אַ צונויפגעפרעסט מיט אַזאַ ווייטיק, מיט אַזאַ צער און אומעטיקייט, וועט ניט אויסהאַלטן און ס'וועט פלאַצן".

"דער טרעבלינקער גיהנום" איז געוועזן די ערשטע און איינע פון די זעלטענע פובליקאַציעס אין דער סאָוועטישער פרעסע. וואָס האָט אַנטדעקט פאַר דער וועלט די גיגאַנטישע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. ס'איז אויך באַוווסט, אַז די דאָזיקע פאַרצייכענונג האָבן די באַשולדיקער פון נירענבערגער פראָצעס גענוצט ווי איינע פון די באַווייזן פון דער שולד פון די נאַצישע רוצחים.

אַזוי אַרום האָט די אויבן אָנגעוויזענע יידישע דערפאַרונג דערפירט דעם רייף געוואָרענעם יידיש־רוסישן שרייבער, וואַסילי גראָסמאַן, צו זיינע נאָך־מלחמהדיקע וויכטיקסטע ראָמאַנען: "פאַר דער גערעכטער זאַך", "לעבן און גורל" און "אַלץ פליסט". גראָסמאַנס בוך "פאַר דער גערעכטער זאַך" (זאַ פראַוואָיע דיעלאָ" 1952־1953) איז געווידמעט דער סטאַלינגראַדער שלאַכט. אין אים שרייבט גראָסמאַן וועגן מלחמה און שלום, וועגן מסירת־נפש און פאַראַט פון סאָלדאַטן און גענעראַלן, פויערן און געלערנטע, אַרבעטער און פאַרטיי־ביוראָקראַטן. מיט פיינלעכן ווייטיק זוכט דער שרייבער דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן.

די ערשטע רעאַקציע פון דער קריטיק איז געווען אַ גינסטיקע. די קריטיקער האָבן פאַרגליכן דאָס בוך צו ג. טאָלסטאָיס ראָמאַן "מלחמה און שלום".

אָבער אין גיכן האָט זיך אָנגעהויבן דער פינצטערער פעריאָד פון דער אַנטיסעמיטישער היסטעריע און דער בילבול וועגן דעם דאָקטוירים־פאַראַט". די רוסישע נאַציאָנאַליסטישע שרייבערס האָבן ניט געקאָנט באַשטיין, אַז דער ערשטער קינסטלערישער ראָמאַן וועגן דעם גרויסן סטאַלינגראַדער געראַנגל און סאָוועטישן נצחון זאָל זיין אָנגעשריבן פון אַ ייד – פון דעם ייד וואַסילי גראָסמאַן. דעם 13 פעברואַר 1953 – פונקט אַ חודש נאָך דעם, ווי אין דער צענטראַלער פאַרטיי־צייטונג "פראַוודאַ" האָט זיך באַוויזן די אינפאָרמאַציע וועגן די "מערדער אין ווייסע כאַלאַטן", איז דערשינען אַ קריטישער אַרטיקל פון דעם באַוווסטן אַנטיסעמיט מיכאַיל בובענאָוו, אין וועלכן ער האָט מיט שום אויף זיינע ליפן געשריבן, אַז גראָסמאַן האָט "דערנידעריקט דאָס געשטאַלט פון די רוסישע מענטשן": "ניט באַשאַפן קיין איין געשטאַלט פון אַן איבערגעגעבענעם קאָמוניסט"; און "בכלל, ניט באַוויזן די הויפט־ראָלע פון דער פאַרטיי אין דעם אָנפירן מיטן נצחון". אָנשטאָט דעם אַלעמען האָט גראָסמאַן "אַרויסגעפירט אויף דעם ערשטן פלאַן דעם יידישן פראָפעסאָר שטרום מיט זיינע טראַכטונגען און ריידערייען וועגן דער מלחמה, צו וועלכער ער (דער

ייד שטרום) האָט ניט קיין שום שייכות"; און דער שוואַרץ־מאַהיקער גראַפאָמאַן פאַרענדיקט: "דער ראָמאַן איז אידעיש אַ שעדלעכער און קינסטלעריש אַ מינדערווערטיקער".

נאָך דעם האָבן במשך פון אַ חודש צייט זיך באַוויזן אין די צייטונגען 10 אַנדערע אַרטיקלען, וועלכע האָבן איבערגעחזרט בובענאָווס באַשולדיקונגען: גראָסמאַנס ליטעראַרישער אפיטרופס, דער הויפּט־סעקרעטאַר פונעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, אַלעקסאַנדער פאַדייעוו האָט אין זיין אַרטיקל אין דער "ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" (28 מאַרץ 1953) ניט נאָר איבערגעחזרט די איבערגערעכנטע באַשולדיגונגען. ער האָט צו זיי נאָך צוגעגעבן, אַז גראָסמאַן איז "אַ יידישער נאַציאָנאַליסט". דער שרייבער־פאַראיין האָט געוואַרט, אַז גראָסמאַן זאָל אָנערקענען די באַשולדיקונגען, אַרויסלאָזן פון בוך עטלעכע פראַזן, אָדער ענדערן אייניקע זיינע פעסטשטעלונגען און, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט, אָפּן בעטן מחילה. אָבער דער שרייבער האָט עקשנותדיק געשוויגן. אויף גראָסמאַנס קאָפּ האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט די סכנה פון שטרענגע מאָסמיטלען, וועלכע זענען געווען פּאָפּולער אין יענער שרעקלעכער צייט. געראַטעוועט האָט אים פון זיי סטאַלינס טויט. אין אַ חודש אַרום (אַפּריל, 4, 1953) האָבן די צענטראַלע אינפאָרמאַציע־אָרגאַנען מודיע געווען, אַז דער גאַנצער ענין וועגן דעם "דאָקטוירים־פאַראַט" איז געווען אַן אויסגעטראַכטע אַנטיסעמיטישע אַקציע פון אַ גרופּע פאַשיסטישע קאַגעביסטן, און אַלע אַרעסטירטע דאָקטוירים זענען באַפרייט פון די טרומעס און רעהאַביליטירט. די דאָזיקע אָפיציעלע אינפאָרמאַציע האָט זיך באַלד אָפּגערופן אויף גראָסמאַנס שפּעטערישן גורל. אין 1954 און אין 1955 איז דער ראָמאַן דערשינען אין 2 פאַרלאַגן מיט גינסטיקע הקדמות פון אָנגעזעענסטע קריטיקער, און אויך פון די, וועלכע האָבן פריער ברוטאַל געלעסטערט דעם שרייבער.

אין סוף פון 1955, צו זיין 50־יאָריקן יובל, האָט די סאָוועטישע רעגירונג באַלוינט גראָסמאַנען מיט אַ הויכן אָרדן (פון דער "רויטער־אַרבעט פאָן") און דער סעקרעטעריאַט פון שרייבער פאַראיין מיט דער אונטערשריפט פון אַלעקסאַנדער פאַדייעוון, האָט אין זיין באַגריסונג אונטערגעשטראָכן, אַז גראָסמאַן האָט "מער פון 20 יאָר אומאויפהערלעך און פרוכטבאַר געאַרבעט לטובת דער סאָוועטישער מאַכט".

די באַשריבענע געשעענישן האָבן זייער באַווירקט גראָסמאַנען. זיי האָבן אויפגעעפנט זיינע אויגן אויף זיך אַליין, אויף דער אַנטיסעמיטישער באַציונג פון דער פּאַרטיי און פון די רעגירונג־אָרגאַנען צו זיין יידישן אָפּשטאַם, און צו דעם יידישן פאָלק, בכלל; און אויך – אויף דעם גרויסן שקר, וועלכער הערשט אין דעם באַזונגענעם "לייבלעך־אייגענעם לאַנד" ("סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ").

נאָך סטאַלינס טויט און נאָך דער קורצער "אָפּטייונג" האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד ניט געענדערט. פאַרקערט! דער רוסישער שאָוויניזם איז געוואָרן נאָך בולטער און דער שטייגער – און מלוכה־אַנטיסעמיטיזם נאָך שאַרפער.

ניט געקוקט אויף דעם, טרעט צו וו. גראָסמאַן צום שאַפן זיין קרוין־ווערק "לעבן און גורל", אין וועלכן דער שרייבער, אויף מער ווי 1000 זייטן, באַשרייבט די געשיכטלעכע געשעענישן אין לאַנד, די גולאַג־אימפּעריע, די פאַרשקלאַפונג פון מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן; פאַרנעמט זיך מיט באַטראַכטן דעם עצם – די געמיינזאַמקייט און דעם אונטערשייד אין דער פּאָליטיק און פּראַקטיק פון סאָוועטישן און נאַצישן רעזשים, און ניט געקוקט אויף די הערשנדיקע אין לאַנד צענזורישע פאַרבאָטן, ווידמעט ער אַ גאַנצע ריי קאַפּיטלעך דער יידישער פּראָבלעם. ער שרייבט וועגן דעם טראַגישן גורל פון יידישן פאָלק, און טרויעריקן מצב פון דער יידישער אינטעליגענץ.

אין 1960 האָט גראָסמאַן פאַרענדיקט זיין בוך און האָט אים דערלאַנגט אין זשורנאַל "זנאַמיאַ" ("שטערן") פון דאָרטן איז דאָס בוך אַריבער געשיקט געוואָרן אין צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און מער האָט ער אים שוין ניט געזען. אין פעברואַר 1961 זענען געקומען צו אים אַהיים קאַגעביסטן און האָבן אַרעסטירט... ניין! ניט דעם מחבר, נאָר זיין ווערק, אַלע זיינע קאָפּיעס און דאָקומענטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם בוך, אויף זיינע אָנקלאַגעס האָט דער סעקרעטאַר פאַר אידעאָלאָגיע ענינים פון צ.ק. סוסלאָוו, אים געענטפערט, אַז דער אַרעסטירטער ראָמאַן וועט דערזען די שיין נישט פריער ווי אין 200–300 יאָר אַרום.

דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען מיט דעם שרייבערס לעצטן בוך - "אַלץ פליסט", וואָס איז געווען דער המשך פונעם אַרעסטירטן בוך - אַלע טעמעס און מאָטיוון פון אים: פרייהייט, גוטסקייט, נאַציאָנאַליזם, די ליבלינגען און שטיף-קינדער פון דער פּאַרטיי, טעראָר און אַנטיסעמיטיזם, די קאָלעקטיוויזאַציע, טורמעס און לאַגערן - זענען דאָ נאָך ברייטער און דייטלעכער באַשריבן. דרך אגב, אין דעם דאָזיקן בוך, צום ערשטן און לעצטן מאָל, ציטירט גראָסמאַן פון תנך דעם נביא ירמיהו:

"אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
אַ קול ווערט אין רמה געהערט.
אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין;
רחל וויינט אויף אירע קינדער,
וואָס זיי זענען מער ניטאָ". (ירמיהו לא, 14)
צוזאַמען מיט רחלען וויינט און יאָמערט אויך וואַסילי גראָסמאַן.

"אַלץ פליסט" האָט גראָסמאַן געשריבן טיף געהיים. נאָר עטלעכע, ביז גאָר באַגלייבטע פריינד האָבן וועגן דעם געוווּסט נאָך זיין טויט האָבן זיי אַריבערגעשיקט אַ געראַטעוועטע קאָפּיע פונעם בוך, קיין ישראל, ווו עס איז דערשינען און געוואָרן איבערגעזעצט אויף אַ סך אַנדערע שפּראַכן.

* * *

ניט ווייניקער דראַמאַטיש האָט זיך צונויפגעלייגט דער גורל פון דעם באַוווּסטן "שוואַרצן בוך", וועלכער איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי דער גרעסטער יידישער באַשולדיקונגס-אַקט קעגן די נאַצישע מחבלים אין די מלחמה-יאָרן. אין צונויפשטעלן און רעדאַגירן אים האָט גראָסמאַן אָפּגעגעבן אַ סך צייט, פּסיכישע און פיזישע כוחות.

סוף 1943 האָט דער סאָוועטיש-יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, אויספילנדיק די באַשטעלונג פון דער רעגירונג, באַשלאָסן אַרויסלאָזן אַ זאַמל-בוך פון דאָקומענטן, וואָס איז באַדינגלעך אָנגערופן געוואָרן דאָס "שוואַרצע בוך". אין אים האָבן געדאַרפט פּובליקירט ווערן דאָקומענטן, טאָגביכער, פריוואַטע בריוו, דערציילונגען פון על-פּי נס געראַטעוועטע קרבנות, דערעיקרשט פון עדות, וועלכע זענען בייגעווען בעת טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בראש פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע איז אַ קורצע צייט געשטאַנען איליאַ ערענבורג. ווען ער איז פון איר אַרויס (ווייל אייניקע מאַטעריאַלן זענען אָן זיין הסכמה אָפּגעשיקט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אויסלאַנד ביז זייער פּובליקאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד) איז אויף זיין אָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן וואַסילי גראָסמאַן. ער האָט אַקטיוו געזוכט און געפונען זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן און אָריגינעלע דאָקומענטן, זיי אַלע ליטעראַריש באַאַרבעט. אַ חוץ דעם האָט ער אין בוך אַריינגעפירט זיינע

אייגענע אונטערזוכונגען, איינדרוקן און אויסגעפונענע נייע דאָקומענטן, עדות־באַווייזן, און פריער פובליצירטע פאַרצייכענונגען ("די הריגה פון יידן אין באַרדיטשעוו" און "טרעבלינקע") און אויך די הקדמה צום בוך. (1946). אין אָנהויב פון 1948 איז דאָס בוך אָפּגעדרוקט געוואָרן און ער האָט באַדאַרפט באַקומען די ענדגילטיקע דערלויבעניש פונעם "גאָסליט" (רעגירונגס צענזור") צו דערזען די שיין. אָנשטאָט דעם, ווען ס'האָבן פּאַסירט די טראַגישע געשעענישן אין סוף 1948, האָבן די "קאָמפּעטענטע" מלוכה־אָרגאַנען צוזאַמען מיט דעם "יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט" פאַרניכטעט אויך דעם "שוואַרצע בוך". אונטערן חלף איז אַוועק דער גאַנצער טיראַזש (25000 עקזעמפּליאַרן).

ס'איז אָבער באַשערט געווען, אַז דאָס בוך זאָל יאָ דערזען די שיין. איין עקזעמפּליאַר איז דערגאַנגען זיין ישראל און אין 1965, אַ דאַנק די באַמיונגען פון אַ סאָוועטישן עולה (שלמה צירולניקאָוו) איבערגעגעבן געוואָרן אין "יד ושם", אין 1980 איז דער צוממערסטן פולער טעקסט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ישראל.

אָבער וואַסילי גראָסמאַן, וועלכער האָט אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן "סאַמע יידישן" בוך אַזויפיל כוחות, יידיש האַרץ און ליבע, האָט ניט זוכה געווען צו דערזען אים. מער ווי 3 יאָר איז ער געווען איזאָלירט פון דער ליטעראַרישער עפנטלעכקייט. אַ קראַנקער און אַן עלנטער האָט ער אין 1964 פאַרלאָזט די וועלט.

איליאַ ערענבורג באַשרייבט זיינע לעצטע יאָרן: "ער האָט געלעבט זייער אָרעם, עלנט, אַ פאַרמאַכטער און איז געשטאָרבן אין זומער 1964. די לויה איז געווען זייער אַ ביטערע... איך האָב דאָרט געזען די מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן פון דער "קראַסנאַיאַ זוויעזדאַ" - אַלע, וועלכע זענען געבליבן לעבן. איך האָב געקוקט אויף וואַסילי סעמיאָנוויטש (דער רוסישער אַנאַלאָג פון טאַטע־נאָמען - "בן שלמה") אין אָרון און זיך געפּייניקט: פאַרוואָס בין איך געקומען צום טויטן, און ניט צום לעבעדיקן? איך טראַכט אַז אַ סך באַגלייטערס האָט געמוטשעט דער געדאַנק פאַרוואָס זיי האָבן אים ניט אונטערגעהאַלטן און ניט צוגעטוליעט אין זיין נויט? ער איז געווען אַ סטאַבילער, דויערהאַפטיקער סאָלדאַט, אָבער דער גורל זיינער איז געווען אַן אומרחמנותדיקער".

און ער פאַרענדיקט: "דאָס איז שוין אַן אַלטע היסטאָריע - דער גורל אַפּנים, האָט ניט ליב קיין מאַקסימיליסטן".

. פאַרענדיקנדיק דעם עסיי וועגן דעם טראַגישן לעבן און גורל פון דעם יידיש־רוסישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן, איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז דאָס עלנטע לעבן פונעם שרייבער, זיין קאַמף מיט דער רעגירונגס־מאַכט פאַר זיין רעכט צו שאַפן אין הסכם מיט זיין געוויסן, שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין "משוגעת" און ניט קיין "מאַקסימאַליזם", אין שיין פון דער היינטצייטיקייט מוז גראָסמאַנס קאַמף באַצייכנט ווערן ווי אַ העלדנטאַט. ער האָט דער ערשטער זיך אָפּגעזאָגט פון פאַלשן קולט, פון דער צווייפּנימדיקער "שפּיל" מיט די רעדאַקטאָרן און צענזאָרן פון דער סאָוועטישער פרעסע.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען גראָסמאַנס שאַפונגען, וועלכע שילדערן די לאַגע פון די יידן אין די געטאָס און נאַצישע פאַרניכטונג - לאַגערן, און אויך אין דעם אַמאָליקן "גן עדן", אין ראַטנפאַרבאַנד. גראָסמאַנס שאַפונגען זענען אויך אַקטועל היינט. אין אַ געוויסער מאָס שפּיגלען זיי אָפּ די שווערע לאַגע פון די יידן אין דעם היינטצייטיקן אַנטיסעמיטישן רוסלאַנד. (ווי אויך אין אַנדערע לענדער).

יוסף בן שלמה - וואַסילי גראָסמאַן - איז אַריין אין דער היסטאָריע ווי אַ רוסישער שרייבער - אַ ייד. - אַ רוסישער שרייבער מיט אַ יידישן גורל.

ברוך יהיה זכרו.

אלכסנדר שפּיגלבלאַט

# דער באָבעס לעצטער וועג*

ראש־השנה און יום־כיפּור זענען מיר אין יענעם יאָר געזעסן אין דער היים און געדאַוונט ביחידות, איטלעכער פאַר זיך, נאָר קיין גוט יאָר האָט מען זיך דעמאָלט ניט אויסגעבעטן.

ווי ווייט איך געדענק, איז עס געווען אין אַ דאָנערשטיק, דעם 9טן אָקטאָבער, חול־המועד סוכות. אין מיטן גאַס האָט דער ציגיינער לאַנג געפּויקט אויפן פּייקל, וואָס איז געווען ווי צוגעפּגעוואַקסן מיט זיין נידעריק, שמאָל גופל. לעבן אים איז געשטאַנען דער הויכער פּאָליציאַנט אין ברוינעם מונדיר, געהאַלטן דעם צירקולאַר נאָענט צו די אויגן, ווי ער וואָלט איינגעחזרט די ווערטער וואָס ער דאַרף באַלד אַרויסלייענען. נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ היפּשער עולם, האָט ער געמאַכט אַ סימן, דער ציינער זאָל אויפהערן פּייקן און ער האָט פּירגעלייענט דעם באַפעל פון דער רומענישער ממשלה. דאָרטן איז געשטאַנען, אַז זונטיק אין דער פרי, דאַרפן אַלע יידן פון שטאָט, אָן אויסנעם, גרויס און קליין, מאַן און ווייב, יונג און אַלט, געזונטע און קראַנקע, זיך פאַרזאַמלען אויפן וואָקזאַל אין קאַפּו־סאַטולוי, וואָס יידן האָבן עס נאָך אַלץ גערופן אַלט־קימפּאָלונג, ווי אין פּראַנץ־יאָזעפס צייטן. זיי מעגן נעמען מיט זיך נאָר וויפל זיי קענען טראָגן. די וווינונגען זייערע דאַרפן בלייבן אָפן, מיט די שליסל אין טיר. ווען מען וועט געפינען אויסבאַהאַלטן, וועט מען שיסן אויפן אָרט.

איך געדענק איטלעכן פּרט פון יענע גרויליק־גורלדיקע טעג, איך געדענק אויך דעם ווייטיק וואָס האָט זיך איינגעשניטן אין האַרץ, איך געדענק דעם פּרצוף פונעם ציגיינערל מיטן פּייקל און דעם הויכן פּאָליציאַנט מיט די געלע וואָנצעס. איך האָב אים געפילט, דעם ווייטיק, ווי אַן אייזערנעם רינג, וואָס עמעצער ציט אים פּאַמעלעך צונויף איבער דער ברוסט און נעמט ביי מיר אָפּ דעם אָטעם, דערוואָרגט אין מיר דאָס לשון; און ווי נאָר די דערמאָנונג אין יענע טעג שווימט אַרויס פון זכרון, דערפיל איך באַלד פון דאָס ניי דעם אייזערנעם רינג אַרום דער ברוסט און דער ווייטיק פאַרקלעמט מיר דעם אָטעם.

דער ייאוש און דער ווייטיק זענען געוואַקסן פון רגע צו רגע. די גויישע שכנים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי שפּאַרבערס איבער יידישע הייזער, זוכה צו זיין וואָס מער פון הפקר, איידער די ממשלה וועט אַלץ צונעמען און צעטיילן פאַר אירע מיוחסים. "איר וועט עס סיי ווי מער ניט באַדאַרפן" - האָבן זיי געטענהט, ווער כלומרשט מיט רחמנות, ווער מיט בייסיקן רישעות.

איך געדענק אַן אינספּעקטאָר פון שטייעראַמט, וואָס האָט אַלע יאָרן ביים טאַטן גענומען באַקשיש, כדי ער זאָל ניט אָנטאָן קיין צרות. ער איז געקומען ניבי טאָ גוט־ברודעריש און אונדז געוויזן אויף דער מאַפּע וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט פון זינט ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, אין 1939, וווהין מען פאַרשיקט אונדז. מיר האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט דעם נאָמען "טראַנסניסטריע".

איך בין מיטן טאַטן געגאַנגען אין געוועלב, נעמען אַ ביסל כלים, טאָמער וועלן זיי צו ניץ קומען דאָרטן וווּ מען שיקט אונדז. דער רולאָ איז געווען האַלב־אַראָפּגעלאָזט,

---

* פונעם בוך "דורכן שפּאַקטיוו פון אַ זייגערמאַנער", וואָס איז דערשינען פאַריקן יאָר אין י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, ישראל.

בעת מיר האָבן מיט ציטערנדיקע הענט אָפּגעקליבן דאָ און דאָרט אַ שטיקל ווערקצייג, אַ צוועגל, אַ העמערל, אַ פייל, אַ שרויפּן־ציער. פּלוצעם האָט זיך אַריינגערוקט פון אונטערן רולאָ דער אַלטער גלוקאָווסקי.

גלוקאָווסקי איז אַלע יאָרן געווען אַ מעכאַניקער ביי דער אייזנבאַן און נאָך דעם ווי ער איז אַרויס אויף פּענסיע, איז ער געוואָרן אַ זייגערמאַכער, געאַרבעט ביי זיך אין דער היים, אין אַלט־קימפּאָלונג, און עטלעכע מאָל אַ וואָך געקומען צו רייטן אויפן וועליסאָפּעד, איינקויפן ביים טאַטן עטלעכע שייבלעך, ספּרוזשינעס, ספּיראַלן וכדומה. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער בעל־מלאכה און דער טאַטע פלעג מיך אָפט שיקן צו אים מיט אַרבעט, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו מאַכן אַליין. אין שטוב ביי אים איז געשטאַנען אַ ריח פון ווייערך און זויערקרויט. גלוקאָווסקיס ווייב פלעגט מיך מכבד זיין מיט עפּל און באַרן פון אייגענעם גאָרטן. זיי זענען געווען פּאָליאַקן און פרומע קאַטאָליקן. איבערן בעט, אין שטוב ווו ס'איז אויך געשטאַנען דער ווערקטיש, איז געהאַנגען אַ גרויסער צלם מיטן געקרייציקטן, אונטער וועלכן עס האָט זיך שטענדיק געריכערט אַ קאַנעץ.

גלוקאָווסקי איז אַריין אין געוועלב, קיין וואָרט ניט געזאָגט, אַראָפּגעריסן אין איילעניש, ווי מורא געהאַט עמעצער זאָל אים ניט אויסכאַפּן, דאָס טייערע שרויפשטיקל פון טיש און אַוועק אָן אַ זיי־געזונט. די דאָזיקע סצענע שטייט מיר עד־היום פאַר די אויגן. זי איז פאַר מיר געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזער מעמד אין דער וועלט וואָס האָט געדאַרפט זיין מיין היים, מיין באַשערטע היים, וואָס קיינער קאָן זי ניט פאַרלייקענען און פאַרווערן.

עס זענען געבליבן צוויי טעג ביז צום גירוש, צוויי טעג, וואָס די מושלים האָבן זיך אין זיי געניייטיקט צוצוגרייטן דעם טראַנספּאָרט, אָפּצושפּאָרן די פּי־וואַגאָנען וואָס האָבן באַדינט די מלחמה, אַניט וואָלטן זיי אונדז מסתמא אַפילו קיין צוויי שעה ניט געלאָזט. פאַר אונדז זענען דאָס געווען צוויי טעג פון קאָשמאַר און פון קוים דערוועגטער האָפענונג, אַז מען וועט די גזירה אָפּשרייען.

מיליטערישע פּאַטראָלן האָבן געוועלטיקט איבער אַלע גאַסן און געסלעך. די שטאָט האָט אין גאַנצן אָנגעווירן איר היימישקייט. דער גאָלדענער האַרבסט איז פאַר אונדז געווען איבעריק. מיר האָבן בלויז געפילט די שווערע וואָלקנס וואָס זענען געהאַנגען איבער אונדזערע קעפּ.

פון נעפּל וואָס איז פון יענע טעג פאַרבליבן אין זכרון, שוועבן אַרויס געשפּענסטישע געשטאַלטן, פאַרבלאָנדזשעטע אין דער קאָשמאַרישער וועלט, ווו עמעצער האָט זיי פּלוצעם אַריינגעוואָרפן.

אָט איז פּייוויש פאַרעך מיט די ווילדע אויגן, וואָס גלאָצן פינקלענדיק אַרויס פון זיין דאַרן, טונקלען, באַוואַקסענעם פּנים, אונטערן צעקרימטן קאַפּעליטש. דער לאַנגער, שוואַרצער לעטניק הענגט אויף זיין הוילן ברודיקן לייב, וואָס ער קראַצט אים כסדר מיט די לאַנגע נעגל פון זיינע דאַרע פינגער.

חנצל די משוגענע פלאָנטערט זיך מיט ווילד־צעפּאַטלטע האָר, אַ צעכראַסטעטע, אַ צעיאַכמערטע, אין אירע בגדי־מלכות, מיט אַ פולן קויש שמאַטעס אונטערן אָרעם. זי האָט, דאַכט זיך, טענות צום רב, נאָר דער רב איז נישטאָ. נאָך יום כיפור, פאַר אַ יאָרן, ווען די לעגיאָנאַרן האָבן אים איינגעשפּאַנט אין וואָגן און אים געטריבן איבער די גאַסן, איז ער אַוועק פון שטאָט, אַוועק קיין בוקאַרעשט, געלאָזט די קהילה אויף גאָטס באַראָט. די השגחה האָט אים איינגעשפּאָרט דעם גירוש.

אין מיטן גאַס וואַקלט זיך פּאַמעלעך מיכל קאָן, דער שטאָט־קאַרליק, וואָס די קינדער פּלעגן אים נאָכלויפן און שרייען:

מיכל קאָן, זיצט אַם טראָן
און לאָזט אַ גרויסן לופט־באַלאָן.

ער וואַקלט זיך אַצינד געשפּענסטיש אַליין, מיטן שטעקעלע וואָס ער פּלעג טרייבן פון זיך די ווייסע־חברה, אין לאַפּן־היטל, אין לאַנגן רעקל מיט אַ סך קעשענעס, וואָס ער האָט געטראָגן זומער און ווינטער, אין די קניהויזן און פּילצענע לאַטשן. אַזוי טאַקע, אין אָט דעם הולך, מיטן געלן געקאָרטשעטן, תמעוואַטן פּנים, מיט פאַרחידושטע, פרעגנדיקע אויגן, אַזוי טאַקע, אַ פאַרטיקער, אַ מלכתחילה געקריוודעטער, מיטן שטעקעלע אין האַנט, איז ער דאַכט זיך געקומען אויף דער וועלט. ער זוכט די היימישע גאַס, די היימישע טרעפּ פון די געוועלבן, די היימישע פּנימער. אַלץ איז פּלוצעם נעלם געוואָרן, די שטאָט איז אויסגעשטאָרבן, די פאַטראָלן האָבן זי פאַרטריבן און אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אויף אַ פרעמדער וועלט.

פון נעפּל שפּרינגען זיי אַרויס, די געשפּענסטישע געשטאַלטן, די העלדן פון יענעם קאָשמאַרישן ספּעקטאַקל אין דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. זיי דערבלאָנדזשען ביז צו דער אַלטער שול, נאָר אויך די שול איז שוין ליידיק. בלויז דער זעלנער מיט דער ביקס איז פאַרבליבן ביים טויער און לאָזט קיינעם ניט אַריין.

דער בלינדער וואַסילע טופּעט מיטן שטעקן איבער די נאַקעטע שטיינער פון טראָטואַר. אונטערן לינקן אָרעם איז פאַרקלעמט דער פּאַק מיט נייע צייטונגען, נאָר עס ווערט פון זיי ניט ווינציקער, דער פּאַק ווערט ניט גרינגער, דערקעגן איז דאָס ברודיקע לייוונט־זעקל, וואָס הענגט אויף אַ שנור איבער דעם לאַנגען ברוינעם סומאַן, כמעט ליידיק. עס קלינגען אין אים ניט אַריין קיין מטבעות, ווי יעדן טאָג, שוין יאָרן נאָך אַנאַנד, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איטלעכער שוועל פון די יידישע געשעפטן, בלינדערהייט אַרויסגעפּיקט די פּאַסיקע צייטונג און גערופן דעם בעל־הבית ביים נאָמען. ער האָט זיי אַלע געקענט, דער בלינדער וואַסילע, גערעדט מיט זיי דייטש און אַפילו יידיש. אַצינד שפּאַנט ער ווי דורך אַ צווייפאַכיקן חושך, דער חושך פון זיין בלינדקייט און דער קאָשמאַרישער חושך פון די ליידיקע שוועלן און פאַרהאַקטע לאָדנס. דאָס טופּען פון זיין שטעקן הילכט אין דער ליידיקייט ווי אַ מאָנסטערישער סטראַשעדיקער זייגער, וואָס ציילט די לעצטע שעהען פאַרן וועלט־אונטערגאַנג.

די וועלט איז אָבער ניט אונטערגעגאַנגען, ניט פאַרן בלינדן וואַסילע, וואָס פּלעג מיטן פּאַק נייע צייטונגען טאָג פאַר טאָג דורכשפּאַנען דעם שטאָט־צענטער, אין זיין שאָרסטיקן סומאַן איבערן אויסגעדאַרטן לייב, אין קיילעכיקן, שוואַרצן, שפּיציקן היטל, מיט אַרויפגעבויגענע, שמאָלע ראַנדן איבערן ליסעקאָפּ, די וועלט איז אויך ניט אונטערגעגאַנגען פאַרן בלינדן טשיאָקערלע, וואָס איז געזעסן ביים קלויסטער מיט די פיס אונטער זיך און האָט אויסגעזען ווי אַ בלינדער בודאַ, מיט זיין גרויסן, קיילעכיקן פליכעוואַטן קאָפּ, ווי אַרויסגעוואַקסן כמעט אָן אַ האַלדז פון זיין ריזיקן בויך. די וועלט איז ניט אונטערגעגאַנגען, זי איז בלויז געוואָרן געשפּענסטעריש און גאָטס באַשעפענישן זענען אין איר אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ קאָשמאַר. די יידן האָבן נאָך ביז אין דער לעצטער רגע געגלייבט, אַז זיי זענען געפּענטעט אין אַ בייזן חלום און אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך פון אים אַרויסרייסן, אויפוועקן אין אַ נעכטן אָדער אייערנעכטן. די גויים דערקעגן האָבן מורא געהאַט, אַז אָט־אָט וועלן זיי עפענען די אויגן און געווירן ווערן אַז

ס'איז נאָר געווען אַ שיינער חלום, אַז מען פֿאַרטרייבט זיי ניט, די זשידעס, אַז זיי בלייבן אין שטאָט, ווי נעכטן און אייערנעכטן.

איציק האָלדענגרעבער המכונה האָלדי האָט איבערגעוויגן פֿון איין האַנט אין דער צווייטער דעם ליידיקן רוקזאַק, מיט וועלכן ער האָט געוואַנדערט אַלע יאָרן איבער די בוקאָווינער בערג און טאָלן. זיין אַסקעטיש־אויסגעדאַרט פּנים און די קורץ־געשוירענע האָר האָבן דערמאָנט אין אַ בודיסטישן נזיר. האָלדי איז אָבער געווען ווייט פֿון בודיזם, פּונקט ווי דער בלינדער טשיאָקערלע איז געווען ווייט פֿון בודאַן. זיין חיות זענען געווען די וועלדער און די פֿעלדזיקע באַרגשפּיצן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַלע יאָרן אַלפּיניסטיש פֿאַרמאָסטן. ער האָט זיי ליב געהאַט בלבֿ־ונפֿש און האָט געקענט איטלעכע סטעזשקע און איטלעכן וואַסערקוואַל. ער האָט אויך געקענט די סודות פֿון אַלע געוויקסן און האָט געוווסט וועלכע פֿון זיי עס האָבן דעם כּוח צו היילן און וועלכע פֿון זיי זענען סם־המוות.

מען האָט אים אויך גערופֿן Vogerl, ווי אַן אָנצוהערעניש, אַז עס וואָלט זיך געפּאַסט ער זאָל לעבן ערגעץ אין וואַלד, אויף אַ בוים, אין איינעם מיט די פֿייגל. שטאָטישע יידן פֿון זיין דור האָבן זיך בדרך־כּלל ניט געדראַפּעט אויף די בערג. שבת האָט מען געמאַכט אַ שפּאַציר אויף דער דייע (Dea), אָדער מ'איז געגאַנגען צום שטראַנד, וואָס וועטשעראַ, דער טשעכישער אינזשעניר, האָט אויסגעבויט אויף אַ גרויסן שטח לעבן דער מאָלדאָווע.

מיינע טאַטע־מאַמע זענען קיין מאָל ניט געווען אויפֿן Rarau, אויף דעם באַרימטן באַרג אין דער געגנט, אַן ערך פֿופֿצן קילאָמעטער פֿון שטאָט, מיט זיינע צוויי מאָנומענטאַלע שפּיצן, וואָס הייסן Pietrele Doamnei, דער האַרינטעס פֿעלדזן. האָלדי איז דאָרטן געווען אַ היימישער גאַסט און פֿלעג אויך צו מאָל ברענגען פֿון דאָרטן עטלעכע Edelweiß, די צאַרטע איידעלע בלומען, וואָס וואַקסן אין דער הייך, אויף די פֿעלדזן, ווו ס'איז סכּנת־נפֿשות צו דערקלעטערן.

איציק האָלדענגרעבער וועגט איבער דעם רוקזאַק אין מוראדיק־קאָשמאַרישן ליכט, וואָס דרינגט אַריין דורכן פֿענצטער. זיינע בערג האָבן אים פֿאַרראַטן, זיינע וועלדער האָבן אים פֿאַרפֿירט צו אַ תּהום. זיינע פֿעלד־און וואַלדבלומען זענען ניט קיין רפֿואות, זיי זענען אַלע סם־המוות. ער פֿאַרמאַכט די אויגן און לאָזט דעם רוקזאַק אַרויספֿאַלן פֿון זיינע הענט.

* * *

זונטיק אין דער פֿרי. די פּאַטראָלן גייען פֿון שטוב צו שטוב. יעדע רגע הערט מען זאָלפֿן פֿון געווער. אָרטיקע גויים און גויים פֿון אַרומיקע דערפֿער, מיט פֿערד־און־וועגענער, מאָנען געשוואָלענע פּרייזן אָפּצופֿירן די יידן מיט זייערע טלומיקעס צו דער באַן־סטאַנציע, קיין אַלט־קימפּאָלונג, עטלעכע קילאָמעטער פֿון שטאָט. יידישע הייזער זענען אומעטום אָפֿן, הפֿקר פֿאַר די גיריק־זשעדנע אויגן פֿון די גוישע שכנים. די פּאַטראָלן הייסן די פֿורמאַנעס מיט די וועגענער אויסמיידן די צענטראַלע גאַס און פֿאָרן דורך הינטערגעסלעך.

פֿאַר אונדזער שטוב וואַרט שוין דער וואָגן. עס קומען אויך צו פֿאָרן די פֿעטערס פֿון דער נייער גאַס, אָנקל קאַרל מיט זיין ווייב און אָנקל זאָלטי, טאַנטע מאַלי מיט זייער זעקס־יעריק טעכטערל. מען וויל זיין אין איינעם. בלויז די באָבע איז נאָך נישטאָ.

פּלוצעם איילט מען זיך. מען וויל עס שוין איבערקומען. מען וויל זיך אַרויסרייסן פֿון דער קלעם, זיך אַרויספּלאָנטערן פֿון דעם שפּינוועב און איבעררייסן דעם וויסטן חלום. די באָבע איז אָבער נאָך נישטאָ, מען וואַרט אויף דער באָבע.

– גיי, זע פֿאַר וואָס זי קומט ניט! – זאָגט מיר דער טאַטע.

איך לויף דורך דעם בלאָטיקן הינטערגעסל פֿון מיינע קינדער־יאָרן, איך לויף און זע ניט אַפֿילו די היימישע שטיבער, ווי זיי וואָלטן פּלוצעם איינגעזונקען געוואָרן, צי

קיין מאָל דאָ ניט געשטאַנען, איך לויף ווי דורך אַ וויסטעניש, ווי דורך אַ מידבר און מיט יעדער רגע פֿיל איך ווי עס ציט זיך אַלץ מער און מער צונויף דער אייזערנער רינג אַרום מיין ברוסט און דער ווייטיק שטיקט מיך און וואַרגט מיך אין האַלדז.

די באָבע האָט זיך ניט געאיילט. זי האָט זיך גאָר ניט געוואָלט איילן, זי האָט ווייזט אויס ניט מורא געהאַט אַז זי וועט פֿאַרשפּעטיקן. איך ווייס ניט אַקוראַט ווי אַלט זי איז דעמאָלט געווען. אַוודאי נאָך ניט קיין זיבעציק. זי האָט אָבער געוווסט אַז ס'איז איר לעצטער וועג. זי האָט געוווסט, אַז זי וועט זיך מער קיין מאָל ניט אומקערן צו אירע "הייזער", צו איר היים. זי האָט עס געוווסט מיטן טיפֿן וויסן פֿון איר אמונה און זי האָט זיך ניט געאיילט. זי איז געווען לגמרי וואַך און ניכטער, ניט געפֿיבערט אין קאָשמאַר און ניט געוואַרט אויף קיין נס.

אַזוי איז זי מיר טאַקע געבליבן, די באָבע מיינע, איינגעשניטן און איינגעברענט אין זכרון, פֿון יענער גורלדיקער רגע. איטלעכער טראָט אירער, איטלעכער אָטעם, איז געווען אָפּשייד, געזעגעניש, לעצטער קוק און לעצטער באַריר.

איר האַנט האָט אַ לאַנגע רגע געווײַלט אויפֿן אַלטן קרבן־מינחה־סידור, זיך געקווענקלט צי זי זאָל עס מיטנעמען צי ניט, און צום סוף עס געלאָזט ליגן אויפֿן קאָמאָד, לעבן די מעשענע לייכטער, ווו זי פֿלעג עס יעדן טאָג אָוועקלייגן, נאָכן דאַווענען. זי האָט גאָרנישט מיטגענומען. זי איז אַרויס פֿון שטוב בלויז מיטן שטעקן, אָנגעטאָן אין שוואַרצן ווינטער־מאַנטל, מיטן ברוינעם, וואָלענעם שאַל איבערן קאָפּטיכל, ביז צו די אַקסלען.

איידער זי איז אַרויס פֿון שטוב, האָט זי זיך צוגעטוליעט און געקושט די פֿירהענגלעך און די אַלטע שאַפֿע אין קיך, ווו עס זענען געליבן די סלויעס איינגעמאַכטס און אַ פֿענדל מיט עטלעכע טרוקענע קיכלעך. דערנאָך האָט זי זיך לאַנג פֿאַרהאַלטן מיט דער האַנט אויף דער אייזערנער קליאַמקע פֿון דער טיר, זי געגלעט ווי מען גלעט דאָס הענטל פֿון אַ קינד, זיך אַראָפּגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן. זי האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט, אָנגעשעפּט אַ טעפּל וואַסער פֿון עמער וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טיר און זיך אָפּגעגאָסן די הענט איבער דער שיסל, עלעהיי זי קומט פֿון אַ לוויה, פֿון איר אייגענער לוויה.

אין דרויסן איז זי צוגעפֿאַלן צו די פֿענצטער פֿון גאַניק און געקושט די שייבלעך, זיך אַראָפּגעבויגן און געגלעט די האַרבסטבלומען וואָס זי האָט געהאַט פֿאַרפֿלאַנצט פֿאַזע וואַנט און צום סוף זיך אויסגעדרייט און צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער בלינדער, ציגלנער מויער וואָס דער שכן האָט מיט יאָרן צוריק, איר אויף צו־להכעיס, אויפֿגעשטעלט און איר פֿאַרפֿינצטערט דאָס לעבן.

די באָבע האָט ניט געוויינט, ניט געקלאָגט. דעם גאַנצן וועג האָט זי קיין וואָרט ניט גערעדט, נאָר אַז מיר זענען דורכן הינטערגעסל פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם הויף ווו עס האָבן געוווינט דער פֿעטער משה מיט דער מומע טילע, האָט זי שטיל צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

– זיי איז גוט...

ווען מיר זענען סוף־כל־סוף דערגאַנגען צו אונדזשער שטוב, בין איך געווען לגמרי אויסגעשעפּט, איינגעטונקען אין שווייס, איינגעבראָכן און צעקרישלט. דער האַרטער קנויל וואָס האָט מיך די לעצטע טעג געוואַרגן און געשטיקט אין האַלדז, האָט פּלוצעם אַרויסגעפּלאַצט און זיך אַרויסגעריסן אין אַזאַ ווילד און שטורעמדיק געוויין, ווי מען קאָן דאַכט זיך וויינען נאָר איין מאָל אין לעבן. איך בין צוגעפֿאַלן אין דרויסן צו דער וואַנט, געקלאַפּט אין איר מיט די פֿויסטן און כליפּענדיק געשריען אויף אַ קול, מיט די לעצטע כוחות:

– ס'איז נישטאָ קיין גאָט!... נישטאָ קיין גאָט!...

יהודה גור־אריה

# מאַנדעלאַס העמד

נעלסאָן מאַנדעלאַ טראָגט
קאָלירטע בלומיקע העמדער
נאָך פיל יאָרן אין תפיסה,
אין אַרעסטאַנטן־קליידער.

מענדעלע אידלסאָן איז געווען
בלויז איין יאָר אין מיידאַנעק.
פון דעמאָלט אָן, כמעט שוין זעכציק יאָר
איז ער אָנגעטאָן
אין אַ משוגעים־העמד.

ניט איין מאָל געפּרוווט דאָס העמד
אַראָפּרייסן פון זיך,
צעפּליקן עס אויף שטיקער.
ס'איז אָבער שטאַרק, ס'איז אָבער פעסט,
אָן אַ שום ריס.
בלויז די נשמה איז ביי אים צעפּליקט
אַזוי ווי זיין גוף
אין וועלכן ס'האָט זיך איינגעביסן
אן עס־עס־אישער הונט,
דאָרט, אין מיידאַנעק.

ער זעט זיי נאָך איצט –
פאַרטושט
פון יענער זייט עלעקטריזירטן
שטעכל־צוים
דעם דייטש און דעם הונט,
דעם הונט און דעם דייטש.
זיינע אויגן זענען שוין פאַרטונקלט,
ער אונטערשיידט ניט מער
ווער איז ווער.
ביידע אַזוי ענלעך.

און הינטער זיי
ווי אויף דער וואַך
גאָטס אַ מלאך שטייט;
מיט פליגלען צוויי פאַרדעקט ער זיך דאָס
פנים,
זיין, ווייס־גלאַנציק בגד
פאַרבלענדט די אויגן
און ס'איז ניט צו וויסן
צי וויינט ער צי ער לאַכט.

פון עברית: **צבי אייזנמאַן**

## ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטע וועגן דעם פּאָעט

יהודה גור־אריה שטאַמט פון בעסאַראַביע. געבוירן אין 1934 יאָר. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען פאַרשיקט. ווי אַ קינד, דורך די רומענער, קיין טראַנסניסטריע, דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ־לאַגער. עולה געווען קיין ישראל ווי אַ יוגנטלעכער. געווען אַ חבר אין קיבוץ אלומות, לעבן ים כינרת.

אַבסאָלווענט פונעם קרייז פאַר ליטעראַטור (בראש מיטן פּאָעט און פאָרשער, פּראָפעסאָר בנימין הרושאָווסקי), אין תל־אביבער אוניווערסיטעט.

געווען אַ רעדאַקטאָר (פון דער ליטעראַטור־אָפּטיילונג) אין דער צייטונג "מעריב".

י. גור־אריה שרייבט עברית – לידער, דערציילונגען און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען. זיינע שאַפונגען דרוקן זיך אין די אָנגעזעענסטע אויסגאַבן אין ישראל.

מחבר פון פיר לידער־זאַמלונגען און צוויי פּראָזע־ביכער (דערציילונגען) ווי אויך מער ווי אַ צוויי צענדליק איבערזעצונגען.

אַ היפּש ביסל ווערק האָט ער אַריבערגעפירט, אויף גאָר אַ גוטן אופן, פון יידיש צו עברית און אַזוי־אַרום באַקאַנט געמאַכט דעם העברעיִשן לייענער אין ישראל מיט דער הייַנטצייטיקער און אַמאָליקער ליטעראַרישער שאַפונג אויף יידיש.

גור־אריה האָט אַ וואַרעמע באַציונג צו יידיש און יידישע פּען־מענטשן.

**צ.א.**

משה שקליאַר

# *אומעטיקע געדאַנקען אין אַ זומער־נאַכט*

## שווערע טראָפּנס

שוין זומער באַלד
און ס׳הערט נישט אויף
צו רעגענען
גלייך ס׳וואָלטן אַלע וואָלקנס
מיט איין מאָל אײנאַנדערן
באַגעגענען
און זיך צוזאַמענשטויסן.
איך זיץ ביים פענצטער
קוק אַרויס צום גרויען דרויסן
און שווערע טראָפּנס
פאַלן, דאַכט זיך,
טראָפּ נאָך טראָפּ,
טראָפּ נאָך טראָפּ,
אויף מיין קאָפּ.
אַ געהיימע האַנט,
זעט אויס,
צעעפנט אַלע שליוזן האָט
און אַליין אַפילו גאָט
קאָן זיי נישט פאַרמאַכן.
אַזאַ מין כליאַפּען,
אַזאַ מין כליאַפּען
אין סאַמע ערב־זומער!
ס׳איז קאַלט און אומעטיק אַזוי
אויף דער נשמה...

## צו דעם קרייז

זומער, אַזאַ זומער, אַ...
אַ סקרוך נעמט דורך די ביינער.
לאָמיר שווייגן בעסער, שאַ,
ס׳הערט אונדז סיי ווי קיינער.

בלויז מיר אַליין נאָר, מיר אַליין
לעבן ווידער יענעם זומער.
לעבן? ס׳אַ כסדרדיק פאַרגיין
צוזאַמען מיט דעם אומעט.

ס׳איז אַ פאַרגיין אויף אויפגיין ווידער,
און גיין, און גיין... וווהין? אַנטקעגן...
גיין און ווערן מיד און מידער,
נאָר בייקומען די וועגן,

די אין סוף וועגן וואָס אַראָפּ
זיי פירן צו די תהומען,
צו דעם קרייז וואָס שליסט זיך אָפּ
מיט גוסטדיקן זומער.

## אַן איינזאַמער בוים

פאַרטרויערט און איינזאַם ער שטייט
דער בוים ביי מיין פענצטער
די צווייגן זיי ווערן אַלץ פוסטער
גלייך ס׳וואַלטן די בלעטער ווי פייגל
צעפלויגן זיך ווייט אין די לענדער
ווי ס׳איז נאָך אַלץ זומער
ער קוקט אַריין אין מיין פענצטער
דער איינזאַמער בוים
גלייך וואַרטן וואָלט ער אויף מיין הילף
אויף אַ טרייסט־וואָרט פון איינעם
וואָס איז אַליין ווי אַ בוים
מיט צווייגן פאַרברענטע
נאָר ער ווייסט נישט דערפון
דער איינזאַמער בוים
און ער וואַרט
און ער וואַרט
אויף מיין וואָרט

## די גרויקייט שרעקט

און ווידער האָט די זון
אַ העלע אויפגעשיינט
נאָך אַ פאַרנעפּלטן באַגינען
און זיך איינגערעמט אין הימלבלוי
געמיינט די גרויקייט
וועט שוין בלייבן אָט אַזוי
און כ׳וועל אַראָפּ פון זינען

די גרויקייט שרעקט
זי מאַכט דאָס לעבן גרויער
זי פאַרמעקט אַ יעדן שטראַל
וואָס האָט ווען אויפגעשיינט
און ס׳בלייבט בלויז דער באַדויער

## אַזוי איז געווען...

און ענדלעך איז זומער געוואָרן,
אַזוי ווי פאַראַיאָרן,
מיט יאָרן צוריק
און אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן
און ס׳גרילן די גרילן,

←

דוד ראָזנטאַל

# און זכרון פון ישראל שטערן

אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר, ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך אין פוילן אַנטוויקלט אַ רייכע, פילפאַרביקע פּאָעטישע שאַפונג. די קריטיק האָט אין אירע סטראָפן אַנטדעקט אַלע מינים פון די צאַרסטע דיכטערישע ניואַנסן און ריכטונגען.

לאָמיר בלויז דערמאָנען עטלעכע: מעטאַפיזישן ציטער און אויפברויז (אהרן צייטלין); אַן איבערשטראָם פון מוזיק און קלאַנגען (משה בראָדערזאָן); עקסטרעמען סוביעקטיוויזם (מישאַ טראָיאַנאָוו, משה שימעל); פּרויען־סענסיטיווקייטן (מרים אולינאָווער, רחל קאָרן, רייזל זשיכלינסקי); גאָט־זוכענישן און גליענדיקן פייערלעכן טאָן - ישראל שטערן.

ישראל שטערן האָט זיך אויסגעטיילט פון דער גאַנצער פּלעיאַדע יידישע דיכטער מיט זיין אַסקעטישן שטייגער פון לעבן, וואָס איז געווען פול מיט טרויער און טראַגיק (ער אַליין האָט עס מסתמא נישט אַזוי אויפגענומען). מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ער איז אַ מוסרניק, אַז לאַנגע שעהן זיצט ער און לערנט אין בתי־מדרשים, אָדער ער דאַוונט אין דער אַלטער שול, וואָס איז געווען אין וואַרשע, אין דעם באַרימטן דורכגאַנגס־הויף דזשיקע 12; אַז אָפט שלעפט ער זיך איבער די גאַסן אַ פאַרחלשטער פון הונגער; אַז ער האָט נישט "קיין אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ". אָבער שוין דאַן האָט ער געשמט מיט זיין טיף־יידישן און אַלגעמיינעם וויסן ווי אַ דיכטער, עסייאיסט און אויך ווי אַ רעדנער.

זיינע לידער זענען צעוואָרפן איבער אַ סך צייטונגען, זשורנאַלן און פּעריאָדישע אויסגאַבן. צו די פּאָפּולערסטע האָבן געהערט: "פרילינג אין שפּיטאָל"; "אפרים גאָלדבערג"; "תפילה פון אַ מענטשן בייטאָג"; "אין יענעם טאָג איז אַ מענטש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד" (געווידמעט ש. האָראָנטשיק) און די עסיי, וואָס האָט מיט איר גייסטיק־אָנרעגנדיקן שטאָף געדינט ווי אַ דיסקוסיע־מאַטעריאַל אין כמעט אַלע ליטעראַרישע יוגנט־קרייזן: "קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק", פאַרעפנטלעכט אין 'די וואַרשעווער שריפטן".

מיט דעם מאמר, האָט זיך דער שרייבער פון די שורות געשטעלט די אויפגאַבע פון אַרויסברענגען, לויט זיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן, די מסקנות פון ישראל שטערנס

←

און זינגפייגל שפּילן
די אייביקע פייגל־מוזיק.

אַזוי איז געווען זינט קדמונים,
אַזוי וועט עס זיין אויף להבא.
דעם בייט פון דער צייט
וועט נישט צוימען
אַפילו אַ מבול.

ווייל נאָך דעם וועט ווידער זיין זומער.
און ס'וועלן גרילן די גרילן,
דער זינגפויגל ווידער וועט שפּילן,
נאָר ווער ס'איז אַוועק
צוריק וועט נישט קומען...

אייגנאַרטיקער שאַפונג "קרוינען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק:, פאַרעפנטלעכט אין "די וואַרשעווער שריפטן".

די עסיי איז איינגעטיילט אין דריי קאַפּיטלעך: דער לעזער און דער קריטיקער; דער קריטיקער און דער דיכטער; י.ל. פּרץ און די יידישע קריטיק.

אין ערשטן קאַפּיטל שטעלט זיך ישראל שטערן אָפּ אויף דער פראַגע: "מיט וועלכן אינטעלעקטועלן זאַפּאַס קומען דער לעזער און דער קריטיקער צום בוך"? זיין ענטפער איז–ביידע ברענגען מיט זיך פּקחות. אָבער דאָך איז פאַראַן צווישן זיי אַ חילוק, אַן ענלעכער ווי "צווישן די צווייערליי קלוגשאַפטן אויף דער וועלט". די ערשטע קלוגשאַפט איז מגושמדיק און פרימיטיוו. זי האַלט זיך פאַר קלוג, ווייל זי טראַכט נישט פון קיין שום דאָ זיין אַחוץ פון זיך אַליין.

די צווייטע איז דערהויבענער, איידעלער, כאָטש איר פעלט נאָך אויך אַ סך ביז צום העכסטן שטאַפּל. זי איז קלוג, ווייל זי ווייסט, אַז מען קאָן זיין נאָך קליגער.

די העכסטע מדרגה איז די, וואָס עקבערט דורך און פאַרמעסט זיך צו דערגרונטעווען די טיפענישן פון דעם וועלט־אַל. דאָס איז יענער הויכער שכל, וואָס לאָזט נישט איבער קיין ליידיקן פלאַץ, נאָר וואָס לאָזט זיך אַוועק ווייט און ברייט, און נעמט אונטער זיין ממשלה אַלע פראַגן, וואָס פייניקן דעם באַוווסטזיין פון מענטש.

פונקט ווי אין לעבן, אַזוי שפּיגלען זיך די מדרגות אָפּ אין דער דיכטונג, ביי אונדזערע לעזער און אונדזערע קריטיקער.

ישראל שטערן האָט געהאַלטן, אַז די יידישע קריטיק האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם דריטן סאָרט פאַרשטאַנד. דער לייענער גריבלט זיך נישט אין די פּסיכישע פאַקטאָרן, וואָס פירן צו דער שאַפונג פון ליטעראַרישע ווערטן. ער זעט נישט "דעם לאַנגן, אומענדלעכן טיולענעם באַנד, וואָס הילט איין אַלע קונסט־אַנטפּלעקונגען און מאַכט פון זיי איין גאַנצקייט". פאַרן שרייבער און זיין שאַפונגס־פּראָצעס האָט ער נישט קיין אינטערעס און אויך נישט קיין צייט. דעם הויפּט־פּלאַץ פאַרנעמט דער העלד פון בוך.

דער מחבר דאַקעגן ווערט אָפּגערוקט אין הינטערגרונט. וועגן אים דערמאָנט מען זיך נאָר אין אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל... ביים שטאַרבן, אָדער ביי אַ... יובל. ער ווערט איבערגעלאָזט אויפן גנאָד פון קריטיקער, וואָס דאַרף דערטראַכטן זיך צו דעם גלאַנץ און דורכפאַלן, צום גאַנצן פאַרנעם פון שרייבער, צו זיינע וועגן און ביי־וועגן, זיינע מיטלען און נעבן־מיטלען..." צי האָט ער געשאַפן "דעם געשליפענעם שפּיגל, ווו אַ שריבער זאָל זיך זען מיט זיין גאַנצער יונגשאַפט און מילך־קלאָרקייט, אָדער פאַרקערט, מיט אַלע זיינע קנייטשן און אָפּגעלעבטקייט"?

נאָך דעם ווי ישראל שטערן באַוואָרנט זיך, אַז ער געהערט נישט צו די שרייבער, וואָס די קריטיק האָט זיי אַמאָל אָנגעטראָטן אויפן הינער־אויג און זיי האָבן דערפאַר כסדר תרעומות, רוקט ער אַרויס קעגן איר אַ ריי טענות.

לויט זיין מיינונג שטרענגט זיך נישט אָן די קריטיק צו פיל; זי באַקעמפט נישט מיט קיין געוואַלדיקן מסירת־נפש דאָס שענדלעכע אין אונדזער ליטעראַטור; און "בנוגע דאָס וואָס איז נאָך נישטאָ, לויפט זי נישט פאָרויס, הערט זי נישט קומען מיט אַ בשורה אין מויל, אַז דאָס און דאָס וועט און מוז קומען. אויב עס איז אַמאָל געשען, אַז צוליב אירע באַמיונגען איז עפּעס נישט־געוווּנטשנס בטל געוואָרן און אונטערגעגאַנגען, זענען נישט די קריטיק, נאָר שלום־עליכם. דעם אָנזאָג פון נייע פאָרמען און מאָדערנע ריכטונגען האָט געבראַכט נישט די קריטיק, נאָר די יונגע דיכטער אַליין. דאָס וואָלט

אייגנטלעך געדאַרפֿט זיין איר אויפֿגאַבע, האָט געשריבן י. שטערן, ווייל זי פּרעטענדירט דאָך תמיד אויף קולטור און אייראָפּעיִשקייט...

דער קריטיקער האָט אויך נישט אַדורכגעדרונגען די קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט פֿון שרייבער. ער האָט נישט דערקענט אין אים דעם מענטש, וואָס "פּרעגלט זיך אין די גיהנומס פֿון שלאָפֿלאָזע גליענדיקע נעכט" און וואָס "האָט אויך פֿאַרוואָלטגע, אומרויִקע, אָבער באַגייסטערטע טעג" ביז ער "טראָגט אויס" זיין ווערק. מחמת דעם זעט נישט דער שעפֿער אין דעם מבֿין אַ מענטש, וואָס שפּרייזט צו אים פֿונדערווייטנס מיט באָרוועסע פֿיס, ווייל ער ווייס, אַז דאָס אָרט, ווו ער וועט זיך באַלד דאַרפֿן שטעלן, איז הייליק... "דער ליידנס־וועג אויף וועלכן ס'ליגט דער אורשפּרונג פֿון אַלע ליטעראַרישע ווערטן" בלייבט פֿאַרהוילן פֿאַרן אויג פֿון קריטיקער.

אַן אַנדערע באַציִונג וואָלט זיך געקאָנט אַנטוויקלען, ווען די קריטיק וואָלט זיך דערהויבן פֿון ליטעראַטור־פּקחות צו קונסט־שׂכל; ווען זי וואָלט "גענישטערט, געגראָבן, געזוכט און געפֿלאַקערט, כּדי אַרויסצושפּאַדלען די אַלע בלאַסקנדיקע גרודעס פֿון די גאָלד־גריבער אין דער קונסט"; ווען דער קריטיקער וואָלט "נישט געקוקט אין אַ בוך ווי אַ ייִד אין אַ מחזור, איבערגעדעקט מיטן טלית, ער זאָל חלילה נישט זען די צען פֿינגער, און ער הערט בלויז פֿון דער ווייטנס דוכנען די כּהנים... ווען ער וואָלט נישט בלויז מקיים געווען די מיצווה פֿון ענטפֿערן "אָמן" נאָך אַ תּפֿילה... נאָר ווען ער "וואָלט מיטגעצאָרט, מיטגעליטן און באמת געגלויבט, אַז די וועלט דאַרף אַ ברכה".

ווען די קריטיק וואָלט געווען אַ חשיבֿותדיקע, אַ מער תּמציתדיקע, האָט ישׂראל שטערן אויסגעפֿירט, וואָלטן מיר נישט געווען קיין עדות פֿון אַ פֿאַקט - אַ פֿאַקט, וואָס דערציילט אונדז עפּעס - אַז בעל מחשבֿותעס שוואַכסטע אַרבעט איז וועגן י.ל. פּרץ. דער פֿאַקט, וואָס פּרץ איז "אַזוי מפֿורסם, אַזוי אַריינגעשניטן אין אַלע וועלט־טיילן, ווו עס איז נאָר פֿאַראַן מאַרך און פּולס פֿון אַ ייִדישן ליטעראַטור־פּריינט" קאָן נישט גיין אויפֿן חשבון פֿון ליטעראַטור־קריטיקער. אים האָט אַנטדעקט דער לייענער.

דאָס זאַמלבוך "וואַרשעווער שריפֿטן", אין וועלכן ישׂראל שטערן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט "קרוינען צום קאָפּ פֿון דער ייִדישער קריטיק", איז דערשינען אַרום 1928־1927, כאָטש אין בוך זענען נישט אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע, האָט מען אָבער געוווּסט, אַז צווישן די רעדאַקטאָרן זענען געווען מלך ראַוויטש און אהרן ציילטין. דאָס זאַמלבוך איז אייגנטלעך געווען אַן אַנטאָלאָגיע (טייזנט גרויסע זייטן) פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע, מיטן אויסנאַם פֿון די ייִדישע שרייבערס פֿון רוסלאַנד.

די "וואַרשעווער שריפֿטן" האָבן זיך געזעצט און געדרוקט אַן ערך אַכט חדשים. דער דזשוינט אין בערלין, אין וועמענס שפּיץ ס'איז געשטאַנען ד"ר בערנאַרד קאַהאַן, האָט פֿינאַנסירט די גאַנצע אויסגאַבע. אין דער אויפֿקלערונג, פֿון דער רעדאַקציע, ווערט געבעטן אַנטשולדיקונג פֿאַר דער היפּשער צאָל דרוק־גרייזן, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זאַמלבוך. דאָס איז דערפֿאַר "ווייל מיר האָבן ביי אַלע אַרבעטן אַרום דעם בוך באַשעפֿטיקט אַרבעטלאָזע חבֿרים, וועלכע זענען נישט די בעסטע קאָרעקטאָרן".

די "וואָרשעווער שריפֿטן" האָבן נישט זוכה געווען צו ווייטערדיקע אויסגאַבעס. דער איינציקער באַנד האָט אָבער פֿאַרמאָגט אַזאַ שלל פֿון מאַטעריאַלן, אַז ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס קאָלעקטיווע קרוין־ווערק פֿון טלאָמאַצקע 13.

## ישראל שטערן

# גוטע מענטשן

די וועלט גייט דורך זייערע אויגן
ווי דער זומער דורך די פעלדער גייט.
גלייך די ערד מיט אייביקייט אָנגעצויגן
ליגט אין זייער וואָרט דאָס וואַקסן גרייט.

דאָס שלעבטס איז אַ גיבור, וואָס קעפּט זיך אַליין
ווען איינער פון זיי שיינט אויף: איך בין!
אַז זיי שפּרייזן שטיל און זילבערן און לבנהדיק קליין
שווימען פינצטערע טייכן גוט, פריש און גרין...

ווען זיי זעען אָרעמקייט און אומרעכט און זינד,
און שווערע טעג רייטן אויף מענטשישן רוקן,
איז זייער בליק אַ מאַמע: זי קאָן פאַר איר קינד
אימהדיקע בערג פון אָרט אַוועקרוקן...

זייער כוח הענגט אומשטערבלעך ביי די שטערן,
און איז דער ערשטער, וואָס דערוואַכט,
ווייל אַז מען וויינט, מוז ער וויינען הערן
און איילט צו די פאַרדעכטיקע ווינקלען פון דער נאַכט...

זייער כוח פאַרשלאָסן אין באַהעלטעניש ווי דער טויט,
כאָטש חלום שפּיגלט און שפּילט זיך אויף זייערע ווענט,
אַזוי כעסט דער הימל זיך לאַנגזאַם און ווערט ערשט רויט
ווען אַ שטיק שטאָט האָט שוין אָפּגעברענט...

נאָר ווען די טרערן פון די גוטע ווערן נאָענט צום פייער,
איז עס דער ים, ווו ס'שווימט אַ נביא פון דער צייט.
ווייל ווען די טרערן פון די גוטע מישן אויס זיך מיט פייער
בריט אָפּ זיך דאָס האַרץ פון דער וועלט און שרייט

און שרייט:

גוטע! שניידט זיך אין לעבן אַריין ווי אַ שרויף,
אייער זיג איז די ברכה איבערן גאַנצן לאַנד.
איר וועט כאַפּן די קוילן אינמיטן זייער לויף,
אייער פאַנצער האַלט גאָט אַליין אין זיין האַנט.

ישׂשכר פֿאַטער / רמת אביב

# די וואָרצלען פֿון ריכאַרד וואַגנערס אַנטיסעמיטיזים

ווי אַ צוואַנציק־יאָריקער יוגנטלעכער איז ריכאַרד וואַגנער צוגעשטאַנען צו דער גרופּע "יונגדייטשלאַנד", וועלכע האָט געגעבן אָפּאָזיציאָנעלן אויסדרוק דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פֿון די דייטשישע פֿירשטנטומס. צו דער גרופּע האָבן געהערט מענטשן, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן אָנגענומענע געזעלשאַפֿטלעכע טאַבוס, פֿאַר עמאַנציפּאַציע פֿון דער פֿרוי און קעגן די פּרינציפּן פֿון דער קאָנסערוואַטיווער מעטערניכער פּאָליטיק, וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרפֿעסטיקט אין אייראָפּע נאָכן ווינער קאָנגרעס (1815). דאָס זענען געווען אינטעלעקטואַלן אָן באַשטימטער פּאָליטישער צוגעהעריקייט, אָבער מיט נעגאַטיווער באַציונג צו דער געזעלשאַפֿט און אירע לעבנספֿאָרמען, ענלעך צו די ניהיליסטן אין רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געשאַפֿן זייער אייגענעם עטאָס, אָבער נישט פּרעטענדירט פֿאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ פּאָליטישן פֿאַקטאָר.

ריכאַרד וואַגנער איז אָבער נישט געבליבן שטיין ביי "יונגדייטשלאַנד". זיינע קינסטלערישע מיסדערפֿאָלגן, פּערזענלעכע דורכפֿאַלן און אַריינפֿאַלן האָבן אים געטויסן צו אומאויפֿהערלעכע זוכענישן און בלאָנדזשענישן אין דער וועלט פֿון אידעעס. האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין פֿאַרשידענע, אָפֿט ווידעראַנאַנדיקע, פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע טעאָריעס און פֿון יעדער געכאַפּט ברעקלעך: אַביסל האָט ער געשעפּט פֿון פּרודאָנס און לודוויג פֿויערבאַכס געדאַנקען; מער האָט ער זיך צוגעאייגנט פֿון געאָרג העגעלס פֿילאָסאָפֿיע וועגן "דייטשישן אידעאַליזם"; ער איז באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון שאָפּענהויערס דעות איבער טויט און אומשטערבלעכקייט; נישט ווייניק אידעעס־שטאָף האָט ער אויך געצויגן פֿון מאַרקסן, בעיקר בנוגע דעם סלאָגאַן, אַז "געלט איז דער גאָט פֿון יידן"...

דער סינקרעטיסטישער צונויפֿפֿלעכט פֿון די אַלע ברעקלעך, צוזאַמען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, האָבן געגונגט אויף צו בויען זיין טעאָריע וועגן כוח פֿון יידן צו באַהערשן די קונסט און זי פֿאַריידישן, וואָס האָט באַקומען אַ זייער וווּלגאַרן און ברוטאַלן אויסדרוק אין זיין אַנטיסעמיטישן פֿאַמפֿלעט: **דאָס יודנטום אין דער מוזיק.**

* * *

די פּערזענלעך־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוואַציע פֿון ריכאַרד וואַגנערס אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיט זיין געבוירן ווערן. זיין גענעאַלאָגישער אָפּשטאַם איז ביז היינט נישט קלאָר. נאָך היינט זענען פֿאַראַן פֿאָרשערס, וועלכע טענהן עקשנותדיק, אַז דער שטובפֿריינד לודוויג גייער איז געווען זיין ביאָלאָגישער טאַטע. און אָט דער דאָזיקער פּראָבלעם זאָל ביי אים האָבן געשאַפֿן דעם קאָמפּלעקס פֿון עקסטרעמער יודאָפֿאָביע.

צו דעם זענען נאָך צוגעקומען עטלעכע אַנטוישונגען, אין וועלכע עס זענען געווען אַריינגעמישט יידן:

1. דער פּלאַץ פֿון זיין ערשטער שעפֿערישער מי, די סימפֿאָניע צ־דור, האָט ריכאַרד וואַגנער איבערגעשיקט צו פֿעליקס מענדעלסאָן, מיט דער זיכערקייט, אַז זי וועט אויפֿגעפֿירט ווערן אין לייפּציג, אויף איינעם פֿון די קאָנצערטן אין באַרימטן "געוואַנדהאַוז", וווּ מענדעלסאָן איז געווען דער גענעראַל־דירעקטאָר. דערווייל איז אָבער אַזוי געשען, אַז די פּאַרטיטור איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן ביי וואַגנערן אייביקן צאָרן צו מענדעלסאָנען.

2. אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דזשאַקאָמאָ מעיערבער געקיניגט אויף די בינעס פון דער אָפּערע אין אייראָפּע. זיין נאָמען איז נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון אַלע צייטונגען און ספּעציעל פון דער קאָמפּעטענטער **נויע בערלינער מוזיקצייטונג**, וועלכע האָט פּראָטעזשירט איר לאַנדסמאַן מעיערבער און געהויבן זיין נאָמען ביז אונטער די הימלען.

דער יונגער איינרייסערישער ריכאַרד וואַגנער האָט דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דזשאַקאָמאָ מעיערבער איז גראָד געווען דער, וואָס האָט אים געשטיצט; פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן ווי אויך פון זיינע בריוו צו זיין מוטער יאָהאַננאַ־ראָזינע איז באַוווסט, אַז אויב בערלין האָט געשטעלט אין דער אָפּערע דעם **פליענדיקער האָלענדער** און **ריענצי**, איז דאָס געווען דער פאַרדינסט פון מעיערבערן. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט די קינאה־שינאה צו זיין בעל־חסד, וועלכן ער האָט געמאָלט ווי אַ יידישן "טאָנזעצער", וועלכער פאַרדאַרבט דעם געשמאַק פון די מוזיק־הערערס.

3. אַ צוגאָבלעכער פּרעטעקסט פאַר זיין אַנטיסעמיטיזם איז געווען זיין איינגעבילדעטע מיינונג, אַז "געלט איז דער אמתער גאָט פון די יידן" און אַז דאָס האָט זיי דערמעגלעכט צו באַהערשן די קונסט און זי פאַריידישן. ער האָט זיך אַליין איינגערעדט און איבערצייגט, אַז די שוועריקייטן אויף וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן ביים אויפנעמען און אָנערקענען זיין מוזיק, איז אַ קאָנסעקווענץ פון אַ יידישער אָרגאַניזירטער "פאַרשווערונג" קעגן אים. (אַ פּרעלודיע צו די שפּעטערדיקע זקני־ציון־פּראָטאָקאָלן...).

און אַזוי האָט ריכאַרד וואַגנער געוואָרפן צוויי באַשולדיקונגען קעגן יידן: אומרעכטפאַרטיקייט און פאַרשווערונג קעגן זיין פּערזאָן און צעשטערערישע השפּעה אויפן דייטשישן גייסט. דערביי האָט ער די צוויי טענות אַזוי צונויפגעשמאָלצן, אַז דאָס פּרעטענציעזע־סוביעקטיווע איז געוואָרן אַ טפלדיקער טייל פון כוללדיקן־נאַציאָנאַלן: ער האָט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן אַזוי צונויפגעקניפּט מיט די - אָנגעצייכנטע פון אים - אידעאַלן פון דער דייטשישער מוזיק, ווי ס'וואָלט געווען צו דרינגען, אַז ביידע זענען היינו כך, אַז די מוזיק פון ריכאַרד וואַגנער איז די פאַרקערפּערונג פון דער נייער דיישטישער גייסטיקער קולטור.

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז בייגאַנד מיט זיינע שרייבעכצן און עפנטלעכע אַרויסזאָגענישן קעגן יידן, האָט ריכאַרד וואַגנער לענג־אויס זיין גאַנץ לעבן געהאַט פאַרבינדונגען און אָפט אַפילו נאָענטע צווישנאַנאַנדיקע באַציונגען מיט יידן. אין דעם זין האָט ער זיך געפירט ווי יעדער אַנטיסעמיט: ווען ער האָט געדאַרפט אָנקומען צום יידס חסדים, ווי באָרגן געלט, אונטערשטיצונג ביים אויפפירן זיינע אַ שאַפונג, אָדער אַפילו אַ רעצענזיע אין אַ וויכטיקער צייטונג - איז ער געווען ווייך ווי פּוטער, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, כדי צו געפינען חן אין זיינע אויגן. ווי באַלד, אָבער, ס'איז געקומען צו דער קלענסטער תקלה, האָט ער גלייך אויפגעהויבן זיין יידישן שטאָם און אים געזידלט. און אין אַזעלכע פאַלן האָט ער נישט גערעדט וועגן יידן בלשון יחיד, נאָר באַלד געזומען אין קאָן אַריין אַלע יידן, אַלע מכבד געווען מיט "עליות", פאַרשוואַרצט דאָס פּנים פון כלל ישראל.

אויב זיינע דייטשישע פריינד, ווי פרוי זשולי ריטער, אָדער פרוי מאַרי מוכנאַנאָף, האָבן אים אויפגעהערט שטיצן, האָט ער דאָס אויפגענומען מיט שווייגנדיקן פאַרדראָס, אָבער אויב דאָס איז געווען מיט אַ ייד, האָט ער אין דעם געזען יידישע קאָנספּיראַציע... יידישע אָרגאַניזירטע סאָלידאַריטעט פאַר איינהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אייגנשאַפטן

פון דער אייראָפּעישער געזעלשאַפט...

ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויפנעמען די ראַציאָנאַליסטישע תורה פון עמאַנציפּאַציע און נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף דער נייער היסטאָרישער ווירקלעכקייט צו זען די נעכטן דערנידעריקטע און אויסגעלאַכטע יידן, ווי אַן אינטעגרירטן טייל פון דער באַפעלקערונג. ער האָט געהערט צו די, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער איינגלידערונג פון יידן אין דער אַלגעמיינער סביבה, אַפילו דעמאָלט ווען זיי שמדן זיך; אַפילו ווען זיי דערגייען צו די העכסטע שטאַפּלען פון פערזענלעכע דערגרייכונגען, בלייבן זיי מיט זייערע סטערעאָטיפּישע איינגעבוירענע באַזונדערקייטן - וואָס זענען שטריכן פון יידישן קאָלעקטיוו - אין קאָמפּלעטער סתירה צו דער אַרומיקער אויסערלעכקייט. האָט ער טאַקע אין יעדן פאַל פון דירעקטן צונויפטרעף מיט יידן - און דאָס איז צום מערסטנטייל געשען אין מאָמענטן פון נייטיקן זיך אין זייערע טובות - נישט געשפּאָרט קיין האָניקדיקע ווערטער אויף זייער חשבון, אָנערקענט זייערע פעיקייטן און באַלד נאָך דעם זיי באַוואָרפן מיט עפּיטעטן פון נידעריקסטן מין, אַריבערפירנדיק די נעגאַציע אויף רעלסן פון מאָראַל, אידעאַל און קונסט. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג פון שקר, צביעות און חניפה, האָבן אָבער איינדייטיק אויפגעדעקט זיין געוויסנלאָזן פרצוף, וואָס איז געווען געטונקען אין שאַרלאַטאַנסטווע און פאַרברעכערישער פּערווערסיע.

כ'וואָלט געקענט אויסרעכענען אַ צעטל פון צענדליקער יידן האַלבע־יידן און משומדים, מיט וועלכע ריכאַרד וואַגנער איז זיך אומגעגאַנגען מיט נאַרמעס, ווי כ'האָב אויבן געשילדערט. כ'וועל זיך אָבער נאָר באַנוגענען מיט עטלעכע ביישפּילן, וואָס וועלן וואַרפן שיין אויף אַלע אַנדערע:

דער יידישער מוזיק־גאון פון וואַרשע קאַרל טאַוזיג, האָט ווי אַ מעטעאָר אויפגעלויכטן איבער די הימלען פון אייראָפּע. זיין לערער פראַנץ ליסט האָט אים אָנגערופן "דער פּיאַניסט מיט שטאָלענע פינגער". זיינע פּיירלעכע קאָנצערטן אין די הויפּטשטעט פון אייראָפּע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַניפעסטאַציעס פון מוזיקאַלער ווירטואָזיטעט. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון ריכאַרד וואַגנערס מוזיק און ווען ער איז געקומען קיין ציריך אים באַזוכן, האָט שוין וואַגנער אים נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע שפּאָנעס. ער האָט אים אָוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון אַ פּאַטראָנען־קרייז, וואָס האָט גערדאַפט זאָרגן פאַר פאַרשפּרייטן די מוזיק פון גרויסן מייסטער, אים באַטייליקט אין קאָנצערטן לטובת דער געזעלשאַפט און אים אָוועקגעזעצט איבערשרייבן פּאַרטיטורעס פון זיינע קאָמפּאָזיציעס...

דער נאָבעלער, לייטזעליקער קאַרל טאַוזיג האָט געדינט זיין סעניאָר ווי אַ געשווווירענער וואַסאַל, ביז ער איז אַ צעבראָכענער און שוואַכער צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד און אין עלטער פון דרייסיק יאָר (1871) געשטאָרבן אין לייפּציג פון אַ טיפוס־קראַנקייט.

מאָריס שלעזינגער איז געווען אַ יידישער מוזיק־פאַרלעגער אין פּאַריז, וואָס האָט געדרוקט די שאַפונגען פון באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן אין זיין צייט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די באַקאַנטע פראַנצייזישע מוזיק־צייטונג **גאַזעט מוזיקאַל**. אָנקומען צו מאָריס שלעזינגער איז נישט געווען לייכט, ווייל אַ חוץ זיין פּראָפעסיאָנעלער באַשעפטיקונג, איז דער מענטש געווען אַריינגעטאָן אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּאַריז, ספּעציעל אין אַלעם, וואָס האָט זיך אָנגעקערט צו מוזיק און טעאַטער, אָפּערע און קונסט.

דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר זשאַקאָמאָ מעיערבער, וועלכער איז פון דער נאַטור געווען באַהויכט פון תנכישן "אל תמנע טוב, בהיות לאל ידיך לעשות" (מייד נישט אויס גוטס צו טאָן, אויב עס סטייעט דיר אויף דעם - משלי ג-27), האָט באַשלאָסן אויסצושטרעקן אַ האַנט דעם יונגן דייטשישן מוזיקער, ריכאַרד וואַגנער וואָס איז נאָר וואָס געקומען קיין פּאַריז און געזוכט זיין אָרט אין דער גרויסער רוישיקער שטאָט. ער האָט זיך געווענדט צו זיין פריינד מאָריס שלעזינגער און אים געבעטן אַנטקעגנצוקומען וואַגנערן ביים באַקומען אַרבעט און אָנשפּאַר אין די פּראָפעסיאָנעלע מוזיק קרייזן אין פּאַריז.

מאָריס שלעזינגער האָט אָנגעהויבן דרוקן וואַגנערס אַרטיקלען אין זיין **גאַזעט מוזיקאַל**, האָט אָפּגעדרוקט די מוזיק פון וואַגנערן צו די **צוויי גרענאַדירן** פון הײַנריך היינע (1840) און ווען ער האָט אין פעברואַר 1841 אָרגאַניזירט אין פּאַריז אַ גרויסן גאַלאַ־קאָנצערט, האָט ער אויך געלאָזט שפּילן וואַגנערס אַ קאָמפּאָזיציע. דערצו נאָך האָט ער אים געשאַפן פאַרבינדונגן מיטן דירעקטאָר פון דער אָפּערע אין פּאַריז, לעאָן פּילע, וועלכער האָט ביי וואַגנערן אָפּגעקויפט די ליברעטטאָ פון זיין **פליענדיקער האָלענדער** און ביי אים באַשטעלט אויך אַנדערע טעקסטן.

מאָריס שלעזינגער האָט וואַגנערן גוט באַלוינט פאַר זיינע אַרבעטן, פלעגט אים אָפּט צאָלן פון פאָרויס, און וואָס איז געווען דער עיקר: ער האָט באַקאַנט געמאַכט זיין נאָמען צווישן די העכסטע מוזיק־ספערעס אין פּאַריז.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט משפיע געווען אויף וואַגנערן צו זען אין מאָריס שלעזינגערן אַ מענטש מיט מידות טובות. פאַרקערט, אין זיין אויטאָביאָגראַפיע **מיין לעבן** דערמאָנט ער אים מיט "איבל"...

אַנדזשעלאָ נוימאַן איז געווען אַן אָפּערע־זינגער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. געוואָרן טעאַטער־דירעקטאָר אין לייפּציג און שפּעטער אין וויקטאָריאַ־טעאַטער אין בערלין. ער איז געוואָרן אַליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער פון ריכאַרד וואַגנערס מוזיק און באַשלאָסן צו ווערן איר פאַרשפּרייטער. ער האָט געגרינדעט אַ וואַנדערנדיקן וואַגנער־טעאַטער, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן איבער די גרעסערע שטעט פון דייטשלאַנד און אויפגעפירט דעם גאַנצן רינג־ציקל.

די לעצטע פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען אין וויקטאָריאַ־טעאַטער אין בערלין. זיי זענען באַזוכט געוואָרן פון אַכציקיאָריקן קייסער ווילהעלם דער ערשטער און פון וואַגנערן אַליין, וועלכער איז אַנטציקט געווען פון אַנדזשעלאָ נוימאַנס "געוויסנהאַפטע און ערלעכע" באַציונג צו זיין קונסט.

ריכאַרד וואַגנער איז געווען באַגייסטערט פון דעם כוח און טאַט פון זיין יידישן פריינד און האָט נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן זיין אָנשטענדיקייט און פאַרשטענדעניש פאַרן גרויסן אויספירער־קאָלעקטיוו ביים אַרויסברענגען זיינע מוזיק־דראַמעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן הויכן קינסטלערישן אָפּשאַץ.

צום סוף פון דער לעצטער גראַנדיעזער אונטערנעמונג, איז וואַגנער אַרויף אויף דער בינע און נאָכן איינשטילן זיך פון די לאַנגדויערנדיקע אָפּלאָדיסמענטן, האָט ער מיט פיעטעט און באַדאַכטקייט אויסגעדריקט דאַנק און אָנערקענונג אַלע אָנטיילנעמערס פון גראַנדיעזן ווערק, אויסרעכענענדיק די נעמען אַפילו פון די בינע־אַרבעטער. דער איינציקער מענטש, וועלכער איז נישט דערמאָנט געוואָרן, איז געווען אַנדזשעלאָ נוימאַן...

יוסף רובינשטיין, אַ זון פון אַ רייכן סוחר אין כאַרקאָוו, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּיאַניסט, וועמען מ'האָט פאָרויסגעזאָגט אַ ווירטואָזן־קאַריערע. ער איז אָבער אין יונגן

עלטער באַווירקט געוואָרן פון ריכאַרד וואַגנערס מוזיק און נאָך מער פון זיינע שריפטן איבער קונסט, דייטשישער ראַסע און יידן. פילנדיק זיך באַלאַסטעט מיט זיין יידישן קאָמפּלעקס, פון וועלכן ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען, האָט ער באַשלאָסן צו זוכן "אויסלייזונג" אין גייסט פון דער דעפיניציע פון וואַגנערן, אַז דער איינציקער אויסוועג זיך אויסצוקויפן פון דער אַהאַסוועראַ־קללה איז "אונטערגאַנג".

אין 1972 האָט ער אָנגעשריבן צו וואַגנערן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט דערקלערט: "איך בין אַ ייד און דערמיט איז שוין פאַר אייך אַלץ קלאָר..." און ווייטער האָט ער אים פאַרגעלייגט פרייוויליק פאַר אים צו אַרבעטן, ווייל... ער וויל אַרויסטרייבן פון זיך זיינע יידישע אייגנשאַפטן און זיטן...

דער מאַזאָכיסטישער טאָן פון זיין בריוו האָט אימפּאָנירט וואַגנערן. ער האָט אים צו זיך אַרויסגערופן און אים באַשעפטיקט אין זיין "רינג־קאַנצעלאַריע". איינצייטיק האָט ער אים פאַרוואַנדלט אין זיין שטובפּיאַניסט, וואָס פלעגט אים פאַרשפּילן נייע שאַפונגען און איבערשרייבן פּאַרטיטורעס. ער איז געוואָרן אַן עבד־כנעני ביי וואַגנערן.

יוסף רובינשטיין האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, געוואָרן אַ מין למד־וואָווניק, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם אַפּאָקאַליפּטישן וועג פון אָפּריכטן גלות: ער האָט געשטרעבט אויסגעלייזט צו ווערן פון זיין "יידישער שאול־תחתיה"; דורך דערנענטערן זיך צו דער העכערער ראַסע, וועט ער רעגענערירט ווערן. ריכאַרד וואַגנער האָט אָבער אויסגענוצט די אומפעיקייט פונעם איידעלן יונגערמאַן צוצופּאַסן זיך צום לעבן און אים סאַדיסטיש אָפּהענגיק געמאַכט פון זיינע פּערזענלעכע קאַפּריזן. ער האָט אים נאָכמער צעקאַליעטשעט זיין צעבלוטיקטן געמיט־צושטאַנד און אים דערפירט צו קאָמפּלעטער נשמה־געפאַלנקייט.

אַרום עלף יאָר האָט יוסף רובינשטיין הינטיש געדינט זיין גרויסן האַר, גלייבנדיק אַז ער וועט אויסגעלייזט ווערן און האָבן די זכיה צו ווערן אַן "אמתער מענטש". געשען איז אָבער אַזוי, אַז אַ יאָר נאָך זיין רביס טויט, האָט ער רעאַליזירט די עצה פון וואַגנערן פאַר יידן־"אונטערגאַנג". ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און די "ברייטהאַרציקע" קאָזימאַ וואַגנער האָט אים געלאָזט באַערדיקן אויפן יידישן בית־עלמין אין ביירויט.

היינריך היינע, פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער וועלט־ליטעראַטור, דער שיינגייסט פון זיין צייט אין אייראָפּע, איז געווען אַ געשמדטער ייד, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יידישע מענטאַלע אַסאָציאַציעס און מיט איינגעוואָרצלטע יידישע עמאָציעס. ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעלייקנט זיין יידישן שטאַם און אַפילו נאָכן שמד, ליב געהאַט צו הערן די דרשות פון האַמבורגער אָרטאָדאָקסישן רב יצחק באַרנאַיס (פּונקט ווי קאָזימאַ וואַגנער האָט הנאה געהאַט צו הערן פון זעלבן רבס זון, זיינע קאָמענטאַרן איבער געטהעס פאַוסט).

ריכאַרד וואַגנער האָט נאָך אין זיינע שוליאָרן אַרויסגעוויזן פּיעטעט פאַרן גרויסן דיכטער און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אַ מאָל אין אַן אַרטיקל אין דער דרעזדנער אָוונצייטונג געשריבן, אַז "דייטשלאַנד איז נישט באַשענקט געוואָרן מיט אַ סך אַזעלכע ווי היינריך היינע", און ווען וואַגנער איז אין יאָר 1839 אָנגעקומען קיין פּאַריז, האָט ער באַלד געזוכט זיך צו אים דערנענטערן. צוזאַמען מיט זיין פריינד פון "יונגדייטשלאַנד", היינריך לאַובע, האָבן זיי אַלע דריי געפונען בשותפותדיקע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן פאַר געזעלשאַפטלעכע באַגעגענישן און אינטעלעקטועלע שמועסן.

די באַרירונגען מיט היינריך היינע זענען נישט געבליבן אָן שפּורן און השפּעה אויף דער שאַפונג פון ריכאַרד וואַגנער. זיי זענען געווען אַ מקור פון אינספּיראַציע פאַר עטלעכע פון וואַגנערס קאָמפּאָזיציעס: די הויפּטמאָטיוון פון דער ראָמאַנטישער אָפּערע **דער פליענדיקער האָלענדער** שטאַמען פון היינעס מעמואַרן **דעס הערן פאָן שנאַבעלעוואָפּסקי**; צום **טאַנהויזער**, האָט ער געשעפּט שטאָף פון היינעס איראָנישער ווערסיע אויף דער זעלביקער מיטלעלטער־טעמע, וואָס ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין זיין **סאַלאָן**; אַ חוץ דעם האָט ער אויך געשריבן מוזיק צו היינעס **צוויי גרענאַדירן**, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַריז, אין פראַנצויזישער איבערזעצונג.

דאָך האָט ריכאַרד וואַגנער אין זיין "דאָס יודנטום אין דער מוזיק" זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו זיין פאַרערטן דיכטער און מיט אים געמאַכט זיין אַנטיסעמיטישן חשבון: "אין די צייטן פון געטהע און שיללער איז אונדז נישט באַקאַנט געווען קיין יידישער פּאָעט. אָבער זינט די דיכטונג איז ביי אונדז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שקר, זינט אונדזער נישט־דיכטערישער לעבנס־שטייגער איז אויסגעריסן געוואָרן און איז נישט מסוגל צו לאָזן שפּראָצן קיין פּאָעט - האָט דער ייד (היינע) מיט זיין אויסערגעוויינלעכן דיכטערישן טאַלאַנט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויפצודעקן דעם דאָזיקן שקר און צו מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט די ניכטערע יעזויטישע צביעות פון אונדזער לידער־פאַבריקאַציע, וואָס פּרובירט זיך נאָך אָנטאָן דעם מאַנטל פון פּאָעזיע".

און ריכאַרד וואַגנער איז ממשיך: "אויף זיינע פאָלקס־גענאָסן (די יידן), באַרימטע קינסטלערס, האָט ער געשמיסן מיט זיין בייטש פאַר זייער רימען זיך - קיין אויגן־פאַרבלענדניש האָט אים פון דעם נישט צוריקגעצויגן. ווי געיאָגט פון אַ נעגירונג־דעמאָן, האָט ער פאַרניינט אַלץ, וואָס האָט זיך פאַרדינט אונטערגעריסן צו ווערן, מיט שאָדנפרייד האָט ער אומדערמידלעך געפּאַטשט אויף רעכטס און לינקס יעדע אילוזיע פון מאָדערנער זעלבסט נאַרעריי".

און צום סוף האָט דער אוזורפּאַטאָרישער אַלצקענער ריכאַרד וואַגנער מיט פאַרביסענער תקיפות אַרויסגעטראָגן זיין היסטאָרישן פּסק־דין: "ער (היינע) איז געווען דאָס געוויסן פון די יידן, פּונקט ווי די יידן זענען געווען דאָס שלעכטע געוויסן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע".

וואָס פאַראַ איראָניע פון גורל! ריכאַרד וואַגנער, די פאַרקערפּערונג פון פאַלשקייט, ליגנערישקייט און דורכגעטריבענער כיטרעקייט, די אינקאַרנאַציע פון אַמאָראַלישקייט און געוויסנלאָזיקייט, האָט זיך גענומען די חוצפּהדיקע אומפאַרשעמטקייט צו פּראַוווען מאָראַל דעם לירישן, ליידנדיקן - אויסערדימענסיאָנעלן אין צייט און אין רוים פּאָעט - היינריך היינע, און אים באַצייכנט ווי דאָס שלעכטע געוויסן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע!...

דער יידישער דיריגענט הערמאַן לעווי איז שוין אין זיינע יונגע יאָרן באַרימט געווען ווי איינער פון די פּראָמינענטסטע דיריגענטן אין דייטשלאַנד, נאָך ראָטערדאַם און קאַרלסרוע איז ער פאַרבעטן געוואָרן איבערצונעמען דעם מוזיק־דירעקטאָר־אַמט פון הונדערט און זיבנקעפּיקן סימפאָנישן אָרקעסטער און כאָר אין מינכען. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין די קינסטלערישע קרייזן אין דייטשלאַנד, ווי מיטן דיכטער ווילהעלם בוש, מאָלער אַנסעלם פויערבאַך, מאָלער פראַנץ לענבאַך און געוואָרן אַ מיטקעמפער פאַר די פּרינציפּן פון ריכאַרד וואַגנערס מוזיק־אַסכולה.

ווי אַ זון פון גיסענער הויפּט־ראַבינער, האָט הערמאַן לעווי דורכגעמאַכט דעם וועג

פון אַן עמאַנציפּירטן ייד, וואָס האָט געלערנט מוזיק, ליטעראַטור און פילאָסאָפיע אין מאַנהיים און אין לייפּציג; ער איז אויך געווען אָנגעזאַפּט מיט יידישער טראַדיציע און רוחניותדיקייט, וואָס האָט אים איבערגעשטאַלטיקט אין אַן אוניווערסאַל־אינטעלעקטואַלן דיריגענט מיט אַ יידישער נשמה. הערמאַן לעווי – כאָטש מיט זעקס און צוואַנציק יאָר יינגער פון וואַגנערן – האָט געהערט צו די געציילטע יידן, לגבי וועלכע ריכאַרד וואַגנער האָט אַרויסגעוויזן רעספּעקט. ביים פירן שמועסן מיט אים האָט ער זיך נישט געפילט אין גאַנצן פריי, געמוזט אָנווענדן מחשבה און זיך רעכענען מיט יעדן וואָרט. ער פלעגט אונטערשטרייכן, אַז ער שעצט ביי אים דאָס נישט ענדערן זיין תנכישן נאָמען.

מיט ספּעציעלער וואַרעמקייט האָט זיך צו הערמאַן לעווי באַצויגן די פרוי פון וואַגנערן, קאָזימאַ. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ "זייער גוטן, צאַרטפילנדיקן מענטש", פלעגט אים אַפילו שרייבן בריוו, אין וועלכע זי האָט נישט איין מאָל אויפגעדעקט אירע פּערזענלעכע מיינונגען וועגן קונסט און ליטעראַטור. זי האָט זיך געשעמט מיט אים צו רעדן איבער די לעצטע אַרטיקלען פון איר מאַן, ווי: **וואַס ניצט דיזע ערקענטניש, ערקעננע זיך זעלבסט** – דערגענצונגען צו זיין גרעסערן עסיי אויף דער טעמע **רעליגיאָן און קונסט** – אין וועלכע ער האָט געפאָדערט פון די דייטשן נישט באַשיצן מער די יידן, באַפרייען זיך פון יידישן גאָט און יידישער עטיק, נאָר זאָרגן פאַר אייגענער רעגענעראַציע, וואָס זאָל זיך דער עיקר אָנשפּאַרן אויפן כוח פון דער קונסט.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ריכאַרד וואַגנער געווען אַריינגעטאָן אין זיין **פּאַרסיפאַל**. ער האָט דאָ צונויפגעפּאָרט רעליגיעז־מיסטעריעזע סימבאָלן פון דער קריסטאָלאָגישער וועלט מיט פּאָליטיש־מאָראַלישע רמזים פון דער פּרעגערמאַנישער מיטאָלאָגיע. און צונויפקניפּנדיק די דאָזיקע געדאַנקען מיט דער טעאָריע פון גראַף דזשאָזעף גאָבינאָ וועגן דער נישט גלייכקייט פון מענטשן־ראַסעס, האָט ריכאַרד וואַגנער געפאָדערט פון די דייטשן ראַסיש־ביאָלאָגישע באַנייונג. נאָר דורך בלוט־ריייניקונט וועלן די דייטשן שטאַרקן זייער גייסט. דעריבער טאַקע איז דער הייליקער גראַל – וואָס סימבאָליזירט אין **פּאַרסיפאַל** דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון ישו – פאַרביטן געוואָרן אין אַ מיסטישן סאַקראַמענט מיטן כוח צו קענען פאַרטרעטן דעם קאָנווענציאָנעלן רעליגיעזן קולט.

דער קיניג פון בייערן, לודוויג דער צווייטער, דער גרויסער בעל־חסד פון וואַגנערן, וואָס איז שוין געווען באַוואָרנט, אַז זיין הויפּט־דיריגענט הערמאַן לעווי וועט דיריגירן דעם **פּאַרסיפאַל**, האָט אין אַ בריוו צו וואַגנערן געשריבן: "איך פריי זיך, טייערער פריינד מיינער, וואָס בנוגע דער אויספירונג פון דיין גרויסער הייליקער שאַפונג מאַכסטו נישט קיין אונטערשייד צווישן קריסט און ייד. נישטאָ קיין ווייטיקלעכערע זאַך פאַר דערנידעריקן אַ מענטש, ווי וויכוחים פון דעם מין. אין גרונט גענומען זענען אַלע מענטשן ברידער"...

דערוויל, אָבער, איז נאָך אַלץ שווער געווען דעם פּאַטענטירטן אַנטיסעמיט צו פאַרדייען דעם פאַקט, אַז זיין שאַפונג, וואָס ער האָט באַנאָמענט "בינעווייפעסטשפּיל" זאָל דיריגירט ווערן פון אַ ייד; ער האָט נישט געוואָלט איינשטימען מיטן רעיון, אַז זיין ווערק, וואָס מאָלט גראַנדיעזע טעמפּל־סצענעס, באַפּאַרבטע מיט קריסטלעכן מיסטיציזם, זאָל פּראָפאַנירט ווערן דורכן אַקטיוון אָנטייל פון אַ ייד אין זיין קונסט. האָט ריכאַרד וואַגנער אָנגעהויבן אָנווענדן פאַרשיידענע מאַנעוורעס, האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס, אויף צו באַוועגן דעם יידישן דיריגענט זיך צו שמדן, ער האָט דאָס געטאָן מיט

פֿאַרשטעקטער צווייפֿנימדיקייט, טרייבנדיק חניפֿות מיט זיסע ריידעלעך און גלייכוויערטלעך, אַפֿילו געגומען אים שילדערן דעם פּלאַנירטן שמד־ריטואַל און נאָך אים - דעם פֿייערלעכן "נאַכטמאָל", מיט וועלכן ער וועט אים מכבד זיין נאָכן צערעמאָניאַל. צוגלייך האָט ער זיך געוואָלט ווייזן ווי דער הויפּט־מחותן פֿון דעם אַקט, כאָטש ס'איז באַוווּסט געווען, אַז ריכאַרד וואַגנער איז אַ נישט־גלייביקער און איז ביי דער דעה, אַז שמד האָט בכלל נישט קיין השפּעה אויף דער גייסטיקער ענדערונג פֿון ייד, שמד איז נאָר בלויז אַ לעגיטימירטער אַריינפֿיר פֿון ייד אין דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

דער איינגעהאַלטענער און באַשיידענער הערמאַן לעווי האָט געבויגן דעם קאָפּ פֿאַרן טאַלאַנט און מוזיק פֿון "מייסטער פֿון ביירויט", ער האָט אָבער מער נישט געקענט פֿאַרטראָגן און דריקן אין זיך זיינע קאַפּריזן. ער האָט מער נישט געקענט אויסשטיין - ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו זיין פֿאָטער, דעם רב - זיינע "קליינלעכע רשעותן" כלפּי מענטשן. און ווען ער האָט איצט דערשפּירט אויף זיינע אייגענע ביינער די רשעותן פֿון סאַדיסטישן גוואַלדהערשער, האָט ער - פּונקט ווי פֿרידריך ניטשע מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער - איינגעפֿונען, אַז ער וועט נישט זיין בכוח מיט אים ווייטער צו קאָלאַבאָרירן: ער האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מבטל געמאַכט יעטווועדע קאָאָפּעראַציע מיט אים ביים רעאַליזירן דעם **פּאַרסיפֿאַל**.

אין דער זעלבער צייט איז קיין ביירויט אָנגעקומען אַן אַנאָנימער בריוו מיט דער אינסינואַציע, אַז הערמאַן לעווי איז דער געליבטער פֿון קאָזימאַ. די צוויי פּעטש אויף איין מאָל - די דעמיסיע פֿון דיריגענט און דער בילבול אויף זיין ווייב - האָבן וואַגנערן אַריינגעשליידערט אין אַ נישט־באַקוועמער לאַגע און צילנדיק וואָס שנעלער זיך אַרויסצופּלאָנטערן פֿון די רכילות־מורמלעניש, האָט ער אויף הייס, מיט הכנעדיקייט, אַפּעלירט צו הערמאַן לעווי און אים געבעטן: "פֿאַרלירט נישט פֿון אייער אמונה, אָבער געפֿינט אויף מוט צוריקצוקומען".

מיט דער שריפֿטלעכער הסכמה פֿון זיין אַלטן טאַטן, דעם געלערנטן אָבעררבינער פֿון גיסן, האָט הערמאַן לעווי זיך געלאָזט איבערבעטן פֿון ריכאַרד וואַגנער, גענומען דעם דיריגענטן־שטאָק אין האַנט אַריין און דיריגירט דעם **פּאַרסיפֿאַל**.

ענלעכע באַציונגען, אָפֿט אַפֿילו ביז נאָענטע קאָנטאַקטן, האָט ריכאַרד וואַגנער אָנגעהאַלטן אויך מיט אַנדערע יידן און האַלבע יידן. זיי האָבן זיך אָבער על־פּי־רוב געענדיקט מיט פֿאַרביטערטקייטן און קרענקעגישן פֿאַר דעם יידישן צד: די יידישע ענגלענדערין, יוליע שוואַבע און דער יידישער באַנקיר עמיל ערלאַנגער, פֿלעגן אים העלפֿן בעת זיינע אָפֿטע מאַטעריעלע נויטן. זיי האָבן אים אויך געבאָרגט געלט אויף אויסצאָל. צום סוף איז ער זיי געבליבן אַן אייביקער בעל־חוב און צו דעם נאָך - ביים קלענסטן ווערטער־אויסטויש זיי געזידלט און געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט; מיטן געשמדטן ייד אוגוסט לעוואַלד האָט ער מיטגעאַרבעט ביים אַרויסגעבן די צייטשריפֿט **אייראָפּע** און דער יידישער פֿילאָלאָג און סאָציאָלאָג סאַמועל לעהרס, ביי וועמען וואַגנער האָט געלערנט פּרודאָניזם און מאַרקסיזם, איז פֿאַר אים געווען אַן אייזערנע וואַנט ביים שטעלן די ערשטע טריט אין פּאַריז. ער האָט זיי אָבערביידע געלאָזט ווי אויפֿן וואַסער, ווען זיי האָבן זיך גענייטיקט צו האָבן עמעצן ביי דער זייט; חברישע פֿאַרבינדונגען האָבן געהערשט צווישן ריכאַרד וואַגנער און דעם יידישן דיריגענט, קאָנסערוואַטאָריע־דירעקטאָר אין קעלן, פֿערדינאַנד הילער, ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אים איבערגעגעבן אויסצופֿירן באַשטעלטע מוזיק־שאַפֿונגען, וואָס האָבן זיך אים נישט געלוינט און אויף וועלכע ער האָט פֿאַרדינט. נאָך מער האָט

ער אויסגענוצט דעם יידישן ראָמאַניסט און סטיליסט בערטאָלד אַוערבאַך, פאַר וועמען ער פלעגט לייענען זיינע דראַמעס, אויפנעמען זיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, אויסבעסערונגען און שפּעטער אים מאַכן צו חוכא ואיטלולא; מיט פאַלשער סימפּאַטיע האָט ער זיך פאַרהאַלטן צום יידישן רעדאַקטאָר פון דער מינכענער זידדויטשישע צייטונג, היינריך פאַרגעס. ווי אַ שטענדיקן צובאָמקער און נאָכקריכער פון ריכאַרד וואַגנער, האָט אים די משפחה אַריינגעצויגן אין איר קרענצל און מיט פאַרשווענדערישער אויסגערעכנטקייט אים אויסגענוצט פאַרן פונאַדערבוי פון די ביירויטער פעסטשפּילן.

די האַפּטיקסטע עקספּלאָזיע פון כעס און צאָרן איז ביי ריכאַרד וואַגנער אויסגעבראָכן קעגן דעם איידעלן פעליקס מענדעלסאָן, דעם ברייטהאַרציקן און ברייטהאַנטיקן דזשאַקאָמאָ מעיערבער און דעם נאָבעלן קונסט־וויסנשאַפטלער עדוואַרד האַנסליק. די ערשטע צוויי האָט ער "באַזונגען" אין זיין **דאַס יודנטום אין דער מוזיק** און דעם דריטן האָט ער פאַראייביקט אין דער אָפּערע די **מייסטערזינגער פון נירנבערג**, מאָלנדיק אים אין דער געשטאַלט פונעם קפּדניש־בייזן, גראָטעסקישן בעקמעסער. ער האָט זיך איינגעבילדעט, אַז די דאָזיקע דריי פּאַטריצישע פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן דעמאָלט געוועלטיקט אין דער אייראָפּעישער מוזיק, שטייען אין שפּיץ פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן קאָמפּלאָט קעגן אים און זיין קונסט. האָט ער נישט געשפּאָרט קיין גראָבקייטן און פּראָסטאַצקע ווערטער, אין וואָרט און אין שריפט, זיי צו דערנידעריקן און אַרונטעררייסן זייער מעמד אין די קונסט־ספערעס אין אייראָפּע.

* * *

אין זיין מאָנומענטאַלן, ניין הונדערט און דרייסיק־זייטיקן בוך אד"ט: **ריכאַרד וואַגנער – זיין לעבן, זיין ווערק, זיין יאָרהונדערט** (ר. פּיפּער־פאַרלאַג, מינכען, ציריך, 1980), שרייבט דער מחבר מאַרטין גרעגאָר־דעללין, איינער פון די פּראָמינענטסטע פאָרשערס פון וואַגנערן וועגן זיין אַנטי־יידישן פּאַמפלעט **דאַס יודנטום אין דער מוזיק**: "צוואַנציק זייטן שוידערלעכע פּראָזע, ווי אַ גיפט אויסגעשוויצט נאָך אַ קרענק... עס איז צו באַדויערן דעם אייפער און צו שטוינען וואָס פאַראַ בלינדקייט ער האָט אַריינגעשטופּט אין זיין רעוואָלוציאָנערן ראַדיקאַליזם. ער איז דאָ באַגאַנגען פאַרראַט כלפּי יענעם ליבעראַליזם, וואָס איז פאַר אים בלויז געווען אַן אַבסטראַקטער פּרינציפּ"... (ז' 310).

נישט נאָר נישט רעאַליזם, נישט פּרינציפּן: ריכאַרד וואַגנער איז געווען אַ מענטש מיט עקסטרעמע עגאָיסטישע אינסטינקטן, אַ פאַרשוין ביי וועמען דער פּערזענלעכער אינטערעס האָט נעגירט יעדן יסוד פון געזעלשאַפטלעכער מאָראַל און עטיק. סקרופּוללאָזיקייט און אוממענטשלעכקייט זענען געווען די הויפּטשטריכן פון זיין כאַראַקטער און ס'איז ביי אים קיין רייד נישט געווען וועגן פּרינציפּן, אַזוי מאָראַליש־עטישע שבין אָדם לחברו, ווי סאָציאַל־אידעאָלאָגישע צווישן יחיד און געזעלשאַפט. ער האָט בכלל נישט געגלייבט, אַז אין דער ווירקלעכקייט קען מענטשלעכקייט באַקומען עפעקטיוון תיקון. דעריבער טאַקע האָט ער אַלע זיינע העלדן אַריינגערעמט אין אַן אויסאימאַזשינירטער איראַציאָנאַלער וועלט פון מיטאָסן און פאַרנעפּלטע טעווטאָנישע און פּרעקריסטלעכע מקורות.

און אויב ער איז אַזאַ געווען אין זיין אומגיין זיך מיט זיינע דייטשישע פאָלקסגענאָסן, היינט וויזשע האָט ער זיך שוין געקענט פאַרהאַלטן לגבי די פאַרהאַסטע יידן? שקר און אָפּנאַרעריי, שווינדל און פאַרפּירעריי זענען געווען בולטע קענצייכנס פון זיינע פירונגען. אַזעלכע סלאָגאַנען, ווי פאַרברענען, פאַרטרייבן, פאַרווערן זיי מקיים צו זיין דעם

רעליגיעזן קולט - זענען געווען אָפטע פּראָזעס אין זיינע טאָג־טעגלעכע רעדערייען און שרייבערייען קעגן יידן. און טאָמער איז אַ מאָל געקומען צו אַן אָפּשוואַך אין זיינע אַרויסזאָגונגען קעגן יידן, איז דאָס נאָר געווען אַ טאַקטישער מאַנעווער אויס מורא פֿאַר קאָנסעקווענצן, וואָס קענען אים ברענגען פּערזענלעכן שאָדן.

דער אַנטיסעמיטישער פּאַמפלעט פון ריכאַרד וואַגנער **דאָס יודנטום אין דער מוזיק** וואָס איז אַרויס אין דרוק אין יאָר 1850, האָט נישט געוועקט קיין באַזונדערע איבערראַשונג, אַפילו נישט אין די אינטעלעקטועלע און מוזיקאַלע קרייזן אין אייראָפּע. ס'איז פאַר אַלע קלאָר געווען, אַז דאָס איז אַן אימפולסיווער אויסבראָך פון קינאה־פייער קעגן די יידישע מוזיק־גאונים אין זיין צייט. ס'איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס איז אַ שוואַכקייט און מינדערווערט־געפיל פון אַ מענטש, וואָס קען נישט אַדורכברעכן די וואַנט פון גלייכגילט און קאַלטקייט צו זיין קונסט, זיינע פסעוודאָ־פילאָסאָפישע מעדיטירונגען האָבן נישט איבערצייגט, און זיינע באַנאַלע ליגנערישע אַרגומענטן האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אומפּרוכפּערדיקן באָדן. און ווייל ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ כראָנישער זינדיקער, האָט מען זיינע תורה שבכתב־ווערטער אויפגענומען ווי אַ טייל פון זיינע חטאות־נעורים.

שטוינונג און אויפרודערונג האָט אָבער אַרויסגערופן די צווייטע אויפלאַגע פון זעלביקן יודאָפאָבישן פּאַמפלעט אין 1869 (מיט נאָך שאַרפערע עפּיטעטן קעגן יידן, ווי אין דער אויסגאַבע מיט ניינצן יאָר פריער). ווערדליק פּראָפעסאָר יעקב כץ איז דאָס געווען אַ טאַקטישער אַקט פון וואַגנערן אויף צו באַנייען די אויפמערקזאַמקייט פון אייראָפּעישן מוזיק־עולם צו זיך און זיינע שאַפונגען (זע יעקב כץ, ריכאַרד וואַגנער בסבך האנטישמיות, מרכז זלמן שזר לתולדות ישראל, ירושלים, תשמ"ו, ז' 71).

מיר איז שווער אָנצונעמען די אַרגומענטאַציע פון פּראָפעסאָר יעקב כץ, ווי אַן איבערצייגנדיקע, ווייל אין יאָר 1869 איז שוין ריכאַרד וואַגנער געווען דער "הימלישער פריינד" פון קיניג לודוויג דער צווייטער, האָט שוין - נאָך זיין ליבע־אַוואַנטורע מיט קאָזימאַ - געלעבט צוזאַמען מיט איר און זייערע דריי אומגעזעצלעכע קינדער אין גן־עדנדיקן טריבשען, ביי לוצערן און געפירט אַ לעבן פון קיניגלעכן סטאַנדאַרט. זיינע אָפּערעס און דראַמעס ווי **דער פליענדיקער האָלענדער, לאהענגרין, די מייסטערזינגער פון נירנבערג, טריסטאַן און איזאָלדע** און פראַגמענטן פון **ניבעלונגען־רינג** זענען שוין געווען טיילן פון די אָפּערע־רעפּערטואַרן אין די גרעסטע שטעט אין אייראָפּע. זיין נאָמען איז אויך געווען אַטראַקטיוו צווישן די ברייטע מעלאָמאַנען־שיכטן אין אייראָפּע.

און אויב אַזוי - צי האָט זשע דאָס אַרויסגעבן אויפסניי דעם אומזיניקן פּאַמפלעט געקענט דינען וואַגנערן ווי אַ מיטל צו שטאַרקן זיין אָנזען און שעפערישע עקספּאַנסיע? צי האָט דאָס געקענט מוסיף זיין צו באַפעסטיקן דעם קינסטלערישן כישוף פון זיין פערזענלעכקייט?

וואָס האָט אים אָבער יאָ באַוויגן אַרויסצוגעבן נאָך אַ מאָל די בראָשור, איז געווען זיין באַגער איבערטראָגן זיין פלאַמיקע בלוט־שינאה צו יידן אויך אויף אַנדערע; פאַרוואַנדלען זיין סוביעקטיוו־עליטיסטישן קוק אויף די פּראָבלעמען פון פאָלק און קולטור אין אַן אָפּשאַץ, לויט וועלכן אויך אַנדערע זאָלן אורטיילן און טאַקסירן זייער באַציונג צו יידן. די דאָזיקע פאַנאַטישע איינגעגלויבטקייט, וואָס ער האָט זיך גענומען אין קאָפּ אַריין, האָט ער באַהאַפטן מיט דער אויסגערעכנטער טענדענץ צו שטאַרקן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונגע אין דייטשלאַנד און קרעפטיקן אירע אידעאָלאָגישע וואָרצלען. זענען אַזעלכע שלאָג־פאָרמולעס פון ריכאַרד וואַגנערס אַנטי־יידישן וואָקאַבולאַר, ווי :

"פראַנצייזיש־יידיש־דייטשישע דעמאָקראַטיע וואָס פאַרדאַרבט דעם אײדעלן כאַראַקטער פון דייטש", אָדער "דער גאָט פון די יידישע שבטים, וואָס פאַראומרייניקט דעם קריסטלעכן גייסט", צי: "דער ייד וועט אַזוי לאַנג הערשן ווי לאַנג ער וועט הערשן איבערן געלט" געוואָרן שטיך־טעזעס פאַר דער אָרגאַניזירנדיקער זיך פאָליטישער באַוועגונג אין איר קאַמף צוריקצוציען פון די יידן זייערע שוין דערוואָרבענע פאָליטישע, בירגערלעכע און עקאָנאָמישע רעכט. דערביי זאָל דאָ אַקצענטירט ווערן, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס וואַגנער האָט זיך אין זיינע שריפטן נישט באַנוצט מיטן טערמין ראַסע, האָט ער דאָך מיט זיין אופן פון שילדערן דעם ייד ווי אַ יחיד און ווי אַ קאָלעקטיוו – זיינע ספּעציפישע פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן און זיטן – געשאַפן דעם אידעאָלאָגישן קלימאַט פאַרן ראַסע־קאָנצעפּט.

ריכאַרד וואַגנער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון היסטאָרישן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע אַספּעקטן און אַנטוויקלונגען: ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די קריסטאָלאָגישע טעאָריע פון הייליקן אויגוסטינוס וועגן דעם ייד, דעם אייביקן וואַנדערער, וואָס דאַרף בלייבן אַ לעבעדיקער ליידנדיקער עדות פאַרן גורם זיין דאָס קרייציקן דעם אויסלייזער; ער האָט אויפגענומען די דעמאָנאָלאָגישע מיטלאַלטערלעכע לעגענדע וועגן אַנטיכריסט אַהאַסווער, וועלכער זאָל זיך האָבן געפונען צווישן די, וואָס האָבן געלעסטערט און געשפּיגן אויף ישו בעת מ'האָט אים געפירט צו דער גלגלתא. ער איז דעריבער פאַרשאָלטן געוואָרן און די קללה איז חל אויף די יידן פון אַלע צייטן; ער האָט אַדאָפּטירט דעם מאַטעריאַליסטישן קאָנצעפּט פון קאַרל מאַרקס וועגן דער יידישער רעליגיע, וואָס איז אַן אומצערייסלעכע פאַרטנערין פון דער געלט־עקאָנאָמיע אין דער וועלט; ער האָט זיך צוגעאייגנט דעם פּסיכאָפּאַטישן מיטאָס וועגן יידישן אינטערנאַציאָנאַלן בונד צו באַהערשן די וועלט. און צום סוף: ער האָט פאַרשפּרייט זיין טעאָריע, אַז דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אַן אויסדרוק פון יידישער עקספּלאָאַטאַציע און שווינדל, האָט צעשטערט דעם מקורותדיקן שטייגער לעבן פון דייטשישן פאָלק און פאַריידישט זיין גייסט.

פון די אַלע עלעמענטן האָט ריכאַרד וואַגנער אויסגעקאָוועט זיין אידעע צוריקצופירן די דייטשישע קולטור צו אירע רודימענטישע יסודות, שאַפן אַ נייע קולטור, וואָס זאָל אָנקניפּן אין די טראַדיציעס פונעם אַרכאַישן מיטאָלאָגישן דייטשלאַנד, אין וועלכן ערד, נאַטור און מענטש זענען געווען אַן אָרגאַנישער איינס. נאָר אַזאַ "פאָלקישע" באַוועגונג וועט ברענגען די דייטשן דערהייבונג,, העכערקייט און נייעם קרעאַטיוון גייסט.

איז טאַקע די שטאָט ביירויט באַרימט געוואָרן ווי אַ קולטור־פּאָליטישער צענטער פון וואַגנעריזם און ווי אַ סימבאָל פון עליטאַרער אומגלייכקייט, אַנטי־דעמאָקראַטיע און אידעאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם. און אויף צו פאַרמינערן דעם שלעכטן שם פון ריכאַרד וואַגנער ביי יידן, האָט קאָזימאַ וואָס איז בזכות עצמה געווען באַקאַנט פון איר היפּאָקריטישער שנאת־ישראל – פאַרבעטן צוויי יידן צו זיין צווישן די צוועלף טרומנע־טרעגער בעתן קיניגלעכן באַערדיקן איר מאַן אין ביירויט. דאָס זענען געווען הערמאַן לעווי און היינריך פּאָרגעס.

פיניע פלאָטקין

# אַקוואַרעל

ווי אַן אַקוואַרעל־בילד פון אָנהייב נאָוועמבער,
די וואַלדלאָנקע שיין, ווי אַ כלה זעט אויס.
ליידער, אין דערפל שוין קרייען די הענער -
דער שענסטער פון זיי אין געזאַנג טיילט זיך אויס.

זיי הערן אויף קרייען דאָס רוב אַז ס׳ווערט פינצטער,
וועז ס׳רוט נאָך אין אירע מאַיאָנטקעס די וועלט.
ווער איז דער שעפער, דער מאָלער, דער קינסטלער,
אַוועלכער פאַרליבט איז אין דער אַקוואַרעל?

ער גיים נאָך איר נאָך, ווי אַ שאָטן אַ ווייסער,
פון פאַרקן צו פאַרקן, פון שוועל ביז צו שוועל.
צי האָט דער באַשעפער דערמוטיקט, באַגייסטערט
אונדז, שטערבלעכע זיינע, מיט נאָך אַ געמעל?

ער האָט נישט פאַרגעטערט די קינסטלער באַרימטע -
ביי אים איז אַ מיטעלער צוגאַנג צו זיי...
ער זוכט ביז אַצינד, נאָר נישט שטענדיק געפינט ער
די לייוונטן זיינע אין אַן אַלטן מוזיי.

אָפּט, לעם זיין מאָלבערט, טיף, אין שאַפונגס־ליידן,
איינער, דוכט זיך אויס, שרייט, ביז הייזעריק ווערט:
קוק זיך איין, קוק זיך איין אין דעם הייליקן לייוונט,
נישט באַהאַלט זיך, משומד, אין דיין אַויטאָפּאָרטרעט!

שטעל אים אויס אין אַ ליכטיקן ווינקל באַזונדערס -
זאָל אים זיין אין זיין וואַרעמער דירה נישט ענג.

\- - - - - -

איך בין ביז אַצינד אין מחשבות פאַרזונקען,
איך קאָן נישט אָן זיי ביז אַצינד זיך באַגיין.

נאָוועמבער, 1999 לאָס־אַנדזשעלעס.

←


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12027 Goshen Avnenu, Apt 7 • LA, CA 94009

Telephone: 310 920-2976 פאַרוואַלטונג ״חשבון״

## נישט אין קאָרן נישט אין האָבער

זאָגט נישט, אַז כ׳בין עלנט, אַלט -
כ׳ווייס אַליין ווי ווייט איך האַלט,
כ׳ווייס געגוי, אַז קיינעם אַרט נישט,
וואָס דער טישקעסטל ט׳פאַרשפאַרט זיך
און זיין שליסל כ׳האָב פאַרלוירן
נישט אין האָבער, נישט אין קאָרן,
ווו אַ מאָל אַ יונגער פויגל
פלעגט מיט מיר באַגיין זיך איידל.
יאָ, לעם באַלקע אָנהייב זומער
מיך באַגריסן פלעגט ער קומען -
ערשט די זון פלעגט זיך באַווייזן
אומעטום אין בונטע קרייזן.
דאָרט, אָן מורא, פריש און לויטער
ביז אַצינדער נעסטן בויט ער.
און די לידער מיינע צאַרטע,
טיף אין טישקעסטל פאַרשפאַרטע
ליגן רויק אָן באַוועגונג,
ווי דער הימל נאָך אַ רעגן.
קיינער, קיינער, קיינער ווייסט נישט,
וואָס מיין האָפענונג, מיין טרייסט איז.

מאַי, 2000

## דערינערונגען...דערינערונגען...

דערינערונגען... דערינערונגען -
ווייט-פאַרגאַנגענע פרימאָרגנס
נאָך מיר לאַנגווייליק פאָלגן;
זיי קומען נישט גיך,
אומגעריכט,
אומדערוואַרט -
יאָ, זיי קומען...
מיינע שלאָפלאָזע נעכט
כ׳האַלט פאַר זיך
נישט פאַרשפאַרט,
אַפילו זומער -
ער איז גרין,
ער איז בלוי,
ער איז יונג, נישט בייז,
ווי אַ טראָפנדל טוי,
ווי אַ טרערעלע - הייס.
קיינער זעט נישט, ווי ער,
שפּעט אין אָסיען פאַרשווינדט,
פאַרגעסן זיך שטערט,
דערמאָנען זיך צווינגט.
דאָס באַטייט - נישט פאַרזען,
וואָס אַן אוממענטש פאַרשווייגט.
וואָס געווען,
וואָס געשען
ווערט נישט אָפּגעמעקט,
בלייבט.

יולי, 2000

## רויקייט בלויז חלומט זיך אונדז

רויקייט קומט נישט דאַן, ווען מיר שטייען
לעם שטילן טייך, לעם אַן אייביקן קוואַל,
רויקייט קומט, ווען ס׳באַגעגענען זיך צווייען,
אַוועלכע האָבן זיך נישט באַגעגנט בכלל.
רויקייט קומט, ווען אַ וואָלקן אַ געדיכטער
פלוצים פאַרשווינדט און עס באַווייזט זיך די זון.
רויקייט, ווי אַ מאָל האָט געשריבן אַ דיכטער,
קודם־כל בלויז חלומט זיך אנדז.

סאַנטאַ מאָניקאַ, מאַי, 2000

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# אין קרייז פון גורל

אויף די שפּיצן פון די פּאַרשנייטע קלעצער, פון וועלכע דער לאַגערטויער איז געווען צונויפגעשלאָגן, זענען ווי ווייסע טויבן געזעסן איינגעפרוירענע גרודעס שניי, און זיי האָבן די שפּיציקע שאַרפקייט אַריינגענומען אין זיך. אַזוי האָט דער שניי אויך אַרומגעוויקלט די שטעכלדראָטן מיט וועלכע. די קלעצער פון טויער זענען געווען באַשלאָגן פון אינעווייניק, און די דראָטן האָבן אין זייער אומשולד דערמאָנט פּאַרשנייטע, וואַלדיקע צווייגן. אָבער די פּאַרשיקטע, וואָס האָבן געלעבט אויף דעם אָפּגעשלאָסענעם לאַגער־שטח "אורטמוד 7", האָבן געוווסט, אַז פּאַרמעסטן זיך מיטן טויער און די שטעכל־דראָטן איז נישט פאַר זייערע כוחות. זיי האָבן אים געזען אין די קורצע זומער־וואָכן, און דאָס בילד האָט זיך מיט דער שאַרפקייט פון די שטעכל־דראָטן איינגעקריצט אין זייער זכרון. אין דער אַרבעט־זאָנע האָבן זיי זיך באַוועגט שווער, אין פּאַרפּעצטע, פּאַרלאַטעטע בושלאַטן, וועלכע האָבן געהערט צו דער דריטער קאַטעגאָריע, און מ'האָט אין זיי געוויינטלעך געקליידט די פּאַרשיקטע, פון וועלכע מען האָט שוין צופיל נישט געקאָנט דערוואַרטן אין דערגרייכן אַרבעטנאָרמעס. דאָס זענען געווען די כמעט־פּאַרגעסענע, די וואָס מען האָט אָפּגעשריבן ווי אַלטע בושלאַטן, אָדער לאַגער־וועש.

פון דרויסן האָבן זיי אויסגעזען ווי גרויע, באַוועגלעכע קלעצלעך, וואָס אָט גייען זיי אין גלייכע אויסגעשטעלטע רייען, און אָט צעשיטן זיך די רייען אויף איינצלנע קלעצלעך, און יעדער קלעצל באַוועגט זיך באַזונדער. נאָר מען ווייסט פון פאָרויס, אַז די קלעצלעך וועלן אויסער דער ראַם נישט אַרויספאַלן, ווייל אין דער שפּיל איז איינגעבויט אַ מעכאַניזם וואָס קאָנטראָלירט די באַוועגונגען פון די קלעצלעך. אינעווייניק, אין דער באַוועגלעכער אָנגעפּעלצטקייט האָבן געוווינט מענטשן. די אָנגעהעריקייט צום מין מענטש איז אייגנטלעך געווען דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן געהאַט בשותפות. דער דאָזיקער באַווסטזיין האָט זיי אָבער גלייכצייטיק אָנגערעגט צו שאַפן אַרום זיך אומזעבאַרע איזאָלאַציע־רינגען, וועלכע האָבן זיי אויסגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט. אינעווייניק האָט יעדערער געשפּונען זיינע טרוימען, זיינע טאָונגען ווען ער וועט אַרויס אויף דער פריי. דער פאַרנעם פון זייערע גייסטיקע האָריזאָנטן איז געווען דער האָניק מיט וועלכן די בין נערט זיך אין די ווינטער־חדשים. אינעווייניק האָבן די פּאַראַגראַפן און די אויסגעטיילטע יאָרן ווי דער אויסמעסט פון איזאָלאַציע גאָר קיין שליטה נישט. די בלאַסע קאָנטורן וועלכע דער מוח פּראָדוצירט שטעלן צונויף דאָס צוקונפט־בילד. און די בילדער באַוועגן זיך פריי אין רוים פון צייט, פון קלימאַט און פון טעריטאָריע. און עס איז גוט געווען פאַרן געמיט פון פּאַרשיקטן צו קאָנען זיך אויסשליסן פון אַרום, פון וועכטערס אויג; פון נאָרמע־פּאָדערונגען; פון יאָ אָדער נישט דערגרייכן אַ "פּרעמבלודע";* פון אייביקן הונגער וואָס האָט גענאָגט, גענאָגט די אינגעווייידן ביז מידקייט.

צווישן אָט די מענטשן האָט זיגמונט אָרלאָווסקי געוווינט אין זיין אייגענעם רינג. ער איז געווען נאָענט צו זיין יוגנט אין יאָרן, אָבער זייער ווייט אין שטח. דעריבער האָט די יוגנט, ווי זי וואָלט געצייטיקט אין אַן אינקובאַטאָר, זיך ווייטער אַנטוויקלט אין דער אָפּגעשלאָסענער שאָל. איזאָלירט פון דרויסן, אויסגעוואַרעמט אין רינג פון זיין פאַנטאַזיע, האָט זי אומגעשטערט געקרייזט אַרום פאַסירונגען, האָפענונגען. דער פּראָצעס פון רייף ווערן האָט זייער לאַנגזאַם צירקולירט אַרום זיין צענטער. אָרלאָווסקיס גאַנג צוריק אין

---

* "פּרעמבלודע" – צוגאָב־זופּ

דעם נעכטן, וואָס איז אָקערשט געווען. האָט ווייטאָגלעך אָנגערירט אַלטע ווונדן און ווייטאָגלעך געפּרעסט אויפן געמיט:

שקצים וואַרצפן שטיינער... יידן פֿאַרכעס... אויסגעפּליקטע טשופּרינעס האָר... נישט פֿאַרענדיקטע למודים... דורכפֿאַלן ביים עקזאַמען, ווייל צופיל יידן שטופּען זיך ווו מען בעט זיי נישט... דער זיג פֿון די שקצים, יד־אחת מיט די דייטשן... יודע, יודע...

גרענעצן, טרוימען, האָפֿענונגען צו פֿאַרענדיקן דעם שטודיום. אַלע מענטשן זענען ברידער... נעכט קאַלטע, סוף־פֿעברואַרדיקע. נעכט - ערגעץ אין אַ ווייסרוסיש שטעטל אַרומגערינגלט מיט מיליץ... געשאָקלט זיך אין פֿויערישע פֿורלעך, אין "טיעלאַטניקעס" - ווייטער, ווייטער, אָדער גאָר: נענטער, נענטער - די באַגריפֿן זענען געווען פֿאַרפּלאָנטערט ווי דאָס לעבן.

אויב אין זיין לעבן קאָן ער נישט אַריינפֿירן קיין ביסל אָרדענונג - מוז ער עס אָבער טאָן אין זיין טראַכטן. ווען ער האָט פּאָרט געפֿונען אַ געמיינזאַמקייט צווישן דעם אָנהייב און דעם סוף, האָט ער באַגריפֿן, אַז די וואָרצלען פֿון דאָס איבערגעלעבטע ציען זיך פֿון דער טיפֿעניש פֿון היסטאָרישן גורל פֿון פֿאָלק. אים איז אויך דאַן קלאָר געוואָרן די פֿאַרענטפֿערונג פֿון פֿילאָזאָפֿישן געדאַנק, אָן וועלכן ער האָט זיך אַמאָל אָנגעטראָפֿן: - פֿאַרוואָס זענען די פֿעלקער, וועלכע האָבן געזוכט אַ רעליגיע, נישט באַווירקט געוואָרן פֿון יידישן גלויבן? זענען דאָך די יידן געווען פֿון די עלטסטע פֿעלקער? אויב דער ענטפֿער איז דאָרט געווען: ווייל די יידישע רעליגיע איז געווען די רעליגיע פֿון אַ באַזיגט פֿאָלק... האָט ער עס אַצינד באַנומען...

זיגמונט אָרלאָווסקין האָט געמאַטערט דער געדאַנק: פֿאַרוואָס דאַרף ער זיין צוגעשמידט צום גורל ווי דער אַמאָליקער קאַטאָרזשאַן צו דער קייט: ער האָט נאָך ווי אַ צולאָג געמוזט טראָגן אַ שווערע אייזערנע קויל, כדי ער זאָל נישט פֿאַרגעסן דעם גאַנצן קיילעכדיקן מעת־לעת, אַז ער איז פֿאַרמשפּט צו קאַטאָרגע, אָבער אַפֿילו אַ קאַטאָרזשאַן, האָט דאָך געהאַט אָנגעצייכנט אויפֿן וואַנט דעם קאַלענדאַר פֿון זיינע ליידן, און יעדן טאָג האָט ער געמאַכט אַ שטריך: איין טאָג ווייניקער! אָבער ער - ער דאַרף זיך אַרומטראָגן מיט דער קייט און מיט דער קויל אַ גאַנצן לעבן, בלויז דערפֿאַר ווייל אויף זיין גורל איז אויסגעפֿאַלן צו זיין אַ ייד...

ערשט דאַן האָט זיך אין זיין פֿאַנטאַזיע צעשפּילט די צוקונפֿט מיט אָן אַ שיעור קאָלירן, ווי אַ רעגנבויגן.

דער נאָמען: זיגמונט אָרלאָווסקי.

דער טיטל: אינזשעניער פֿון מאַשינען־בוי. (אַפֿילו נאָך נישט דיפּלאָמירט).

דער אויסזען: בלאָנד. קורץ געשוירענע וואָנסעס. אויך די האָר קורץ געשוירן.

געבוירן אָרט: קאַטאָוויץ, אַ פּוילישע שטאָט.

מאַמע־לשון: פּויליש.

זיין פֿרוי וועט זיין ווי ער - אַ פּוילישע, מיט אַ גאָלדן צלמל וואָס וועט זיך וואַרעמען צווישן אירע בריסט. זונטיק אינדערפֿרי וועט זי פֿירן אין קאָשציאָל אַריין די קינדער. ער אַליין וועט אַהין נישט גיין. ער וועט בלייבן אינדערהיים, טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע און לייענען די פּוילישע צייטונגען. די קינדער וועלן גיין אין גימנאַזיע מיט זייערס גלייכן - קינדער פֿון פּוילישע אַדוואָקאַטן, וויסנשאַפֿטלער, מיליטערלייט. זיי וועלן זיין צווישן די, פֿאַר וועמען מען האָט דרך־ארץ...

דער דאָזיקער צוקונפֿט־טרוים, וואָס איז אין אָנהייב געווען נישט מער ווי אַן אָנוואורף

פון אַ צעשוווּמען בילד, האָט זיך ביסלעכווייז פֿאַרוואַנדלט אין אַ הייסן לאַווע־אויסגוס פון אַ בענקשאַפט נאָך באַפרייונג פון יידישן גורל.

פֿאַר זיי, פֿאַר די פּאַליאַקן - האָט אָרלאָווסקי געטראַכט - האָט עמעץ אַנדערש געטאָגן דעם גאָלגאָטע־צלם, זענען זיי שוין פּטור. פֿאַר אונדז אָבער וויל עס קיינער נישט טאָן, מוזן מיר אים אַליין טראָגן און די וועלט גיט שוין אַכטונג, אַז מיר זאָלן זיך פון דער משא נישט באַפרייען.

ווי די נאַטירלעכע לאַווע, אַזוי האָט אויך די הייסע לאַווע פון זיין באַגער זיך געשומען ביסלעכווייז אָפּקילן, איינגליווערן און זיך אָפּזעצן אין אים. אויפן האָריזאָנט פון זיין־טרוים האָט ער געזען דעם זוים פון באַרג, הינטער וועלכן עס ליגט דאָס אויסגעחלומטע לאַנד.

יעדן טאָג האָט ער אויפסניי איבערגעטראַכט די איינצלהייטן פון דעם נייעם אָנגעמערקטן שטיגער - אָט ווי איינער וואָס גרייט זיך צו אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע שטודירט אויס די אַלע פּרטים פון דעם שטח, וועלכן ער דאַרף דורכמאַכן - כדי צוצוקומען אַהין צוליב וואָס די עקספּעדיציע איז פֿאַרטראַכט געוואָרן.

דער ווילן אויפסניי געבוירן צו ווערן, האָט אין אים פֿאַרשטאַרקט דעם כוח איבערצוהאַלטן, אויסצוהאַלטן, און אַז ער איז אין איינעם אַ טאָג געבליבן שטיין אינדרויסן פון הילצערנעם טויער, האָט ער שוין געוווּסט וווהין זיינע טריט צו ווענדן.

* * *

דער זונטיק־פּרימאָרגן איז געווען אַ פּראָסטיקער, אָבער די זון האָט שוין גענומען וואַרעמען און ס'איז נישט שווער געווען זיך אָנצושטויסן, אַז עס וועט זיין אַ וואַרעמער טאָג. מעגלעך, אַז אין אַנדערע געגנטן טוען זיך מענטשן אָן יום־טובדיק אין אַזאַ טאָג און צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, גייען זיי אין קלויסטער אַריין. אָבער אין די מיטל־אַזיאַטישע שטעט און שטעטלעך, לאָזן זיך מענטשן אַוועק אויפן מאַרק פון וועלכן מען האָט דאָ גאָר אַן אַנדער באַגריף, ווי געוויינגלעך אויף אַ מאַרק, אָדער יאַריד ערגעץ ווו אין אַ שטעטל.

"טאָלטשאָק" האָט טאַקע געמיינט דאָס וואָס ער איז געווען: מענטשן האָבן זיך געשטופּט, יעדער האָט געטראָגן זיין קראָם אויפן האַנט, אויף זיך גופא, אָדער אין אַ זעקל. מען האָט פֿאַרקויפט מאַכאָרקע און געבראָטענע צוקער־בוריקעס; אוזבעקישן "קאַטיק" און געבראָטענע בעבלעך, פֿאַרבראָקטע מיט רעפּטלעך ציבעלע; "פּייקעס" ברויט און פּונקט אַזוי קוואַדראַטן טונקעלן זייף. חוץ דעם האָט אַ מלחמה־אינוואַליד, נאָר וואָס פון פראָנט, פֿאַרקויפט אַ שטיוול, וועלכן ער האָט שוין מער נישט נייטיק געהאַט און געזוכט איינעם, ביי וועלכן עס איז נאָך געבליבן דער פוס, וואָס אים פעלט און צוליב דעם טאַקע האָט ער אַן איבעריקן שטיוול. אַחוץ די פֿאַרקויפער און טוישער האָבן סתם ליידיקגייער זיך אַרומגעדרייט מחמת עפּעס בעסערס צו טאָן האָבן זיי נישט געהאַט.

די מאַכאָרקע־פֿאַרקויפער זענען דאָס רוב געווען אוזבעקן מיט פנימער צעאַקערט פון אַלטקייט, אַדער אינוואַלידן אויף קוליעס. אביסל אָן אַ זייט, מיט אַ ריין זעקל און אַ גלאָז, ווי אַ מעסטל צו אויסמעסטן די מיכאָרקע, און עטלעכע אָנגעשניטענע קוואַדראַטן ציייטונגס־פּאַפּיר, ווועדליק עס פירט זיך, כדי די קונים זאָלן קאָנען פֿאַררויכערן און אָפּשאַצן די קוואַליטעט פון דער מאַכאָרקע - איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי. צווישן די מאַכאָרקע־הענדלער האָט זי זיך אויסגעטיילט מיט דעם ליכטיקן אָפּענעם פּנים, איר אָפּגעטראָגענע אָבער ציכטיקע קליידונג, אירע טונקעלע האָר, אַרומגענומען מיט אַ

פּויריש טיכל, האָבן פֿאַרמאָגט אַ קאָקעטישן חן. שוין פֿון ערשטן בליק האָט מען געקאָנט באַמערקן אַז די פֿרוי וואָס שטייט דאָ ביים זעקל מאַכאָרקע איז נישט פֿון הי.

נאָר אין די מלחמה־יאָרן האָט מען זיך שוין צוגעוווינט צו זען אויף די אוזבעקישע מאַרקן פּליטים פֿון אומעטום.

זי איז פֿאַרטאָג אָנגעקומען פֿון קאַטאַקורגאַן, און פֿרעמדלעך אויפֿן נייעם "טאָלטשאָק" האָט די פֿרוי זיך געהאַלטן אַביסל ווייטלעך פֿון די איינגעזעסענע מאַכאָרקע־פֿאַרקויפֿער. דווקא איר ערשטמאָליקייט אויפֿן דאָזיקן מאַרק האָט צוגעצויגן קונים־פֿיינשמעקער, וואָס האָבן געזוכט מאַכאָרקע פֿון אַן אַנדערן שניט, מער בלעטער, ווייניקער שטאַמען. אַפֿילו איר גלאָז איז געווען פֿון אַ פֿאָרעם, וועלכע מען זעט נישט דאָ, ווייל די אַנדערע האָבן אָפּגעמאָסטן זייער סחורה מיט בלעכענע קענדלעך.

יאַדוויגען – אָדער ווי ס'האָבן זי גערופֿן דאָס עלטערע פּאָר־פֿאָלק מיט וועמען זי האָט צוזאַמענגעוווינט – יאַדזיאַ, האָט דער פּליטים־שטראָם פֿאַרשלעפּט צוערשט קיין סיביר און דערנאָך, מיטן זעלבן שטראָם קיין מיטל־אַזיע.

דאָס לויפֿן האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע מלחמה־טעג, ווען מ'האָט וואַרשע באָמבאַרדירט. אַ לויפֿן אָן אַ ציל, אָן אַ סדר – געטריבן דורך מורא פֿאַר זעלנער, באָמבעס; שקצים; ווילדקייטן. דער יידישער פּאָרגעפֿיל האָט דעטריבן וואָס ווייטער פֿון אָרט ווו הפקר ווערט דאָס לעבן, בפֿרט נאָך – דאָס לעבן פֿון ייד.

אויפֿן זיראַבולאַקער מאַרק, ביים זעקל מאַכאָרקע איז שוין געשטאַנען אַ דערפֿאַרענע פֿרוי, וואָס האָט אויף יענער יאָדוויגאַ סאָקאָלסקאַ פֿון וואַרשע געקוקט, ווי מען קוקט אויף אַ ווייטער קרובה פֿון וועלכער מען האָט עפּעס געהערט רעדן, אָבער צו וועלכער מען האָט גאָר אַ קנאַפּן שיכות.

גאָר מאָדנע האָט זיך פֿאַרקניפּט איר פֿריינטשאַפֿט מיטן עלטערן פּאָרפֿאָלק, אָפּגעקומענע פּוילישע פּריצים, מיט וועמען, זי האָט געוווינט. געווען איז עס אַ זונטיק, ווען זי האָט אויפֿן קאַטאַקורגאַנער "טאָלטשאָק" באַגעגנט אַ באַקאַנטע פֿון דער סיבירער פֿאַרשיקונג און זיי האָבן זיך פֿונאַנדגעשמועסט אין פּויליש. דאָס עלטערע פּאָר־פֿאָלק וואָס איז דאָ גראָד פֿאַרבייגעגאַנגען האָט זיך פֿאַרהאַלטן. דעם אַלטנס זילבערנע ברעמען האָבן זיך אָנגעשפּיזט אויף די שמועסנדיקע. די אַלטיטשקע האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און געווישט די אויגן:

– ווי אין דער היים – האָט זי געמורמלט – אַך, ווי אונדזערע האָבן פֿאַרוואָגלט...

זיי האָבן געוואַרט ביז די צוויי פֿרויען האָבן זיך צעשיידט, און נישט קאָנענדיק ביישטיין דעם נייגער – האָבן זיי יאַדוויגען פֿאַהאַלטן. און אַזוי האָט זיך עס די פֿריינדשאַפֿט אָנגעהויבן.

איין טאָג האָט די אַלטיטשקע אָנגעטאָן אויף יאַדוויגאַס האַלדז אַ גאָלדן קייטעלע מיט אַ דין, לאַנג צלמל.

– גאָט זאָל דיך באַשיצן, מיין קינד...

יאַדוויגאַ סאָקאָלסקאַ איז פֿאַר זיי געווען די פֿאַרבינדונג מיט היימלאַנד, מיט דער הויפּט־שטאָט וואַרשע, און מיט דער הייליקער מוטער פֿון טשענסטאָכאָוו. יאַדוויגאַ האָט צוערשט באַטראַכט דאָס טראָגן ס'צלמל, ווי אַן אַקט פֿון דאַנקבאַרקייט פֿאַר די אַלטיטשקע, וואָס האָבן איר גאָגעבן נישט נאָר אַ דאַך איבערן קאָפּ, נאָר אויך דאָס געפֿיל פֿון געהערן צו אַ פֿאַמיליע.

שטייענדיק ביים זעקל מאַכאָרקע אויפֿן זיראַבולאַקער מאַרק, האָט זי מיטן אינסטינקט

פון אַ גרעיאָטער חיה דערשפּירט אַז עמעצער קוקט איר נאָך. זי האָט אייגנטלעך ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. דער דאָקומענט, אַז זי איז באַפרייט פון לאַגער איז אַ כשרער. זי האָט אויך אַריינגעשטעקט אַ פּאָר רובל דעם "באַזאַרקאָם" פּאַרן אָרט, וואָס זי פאַרנעמט אויפן מאַרק. אָבער אין די אומרויקע מלחמה יאָרן האָט דאָס אַלץ ניט געהאַט קיין באַטייט. דעם סאַמע קאַלירלאָזן, קוים אָנזעעוודיקן מענטשן האָט מען געקאָנט צוטשעפּען צו אַן ענין, פון וועלכן ער זאָל זיך ניט קאָנען אַרויסדרייען. אַ פּשיטה שוין - אַ פּליט פון פּוילן, וועלכער האָט שוין מיט זיין בלויזער עקזיסטענץ געצויגן אַ חשד אויף זיך.

דער אומרו, וואָס האָט געגומען אין איר אויפרודערן, האָט געהאַט עפּעס וואָס פון דעם טיקן אין זייגער-ווערק, און זי האָט געפילט ווי דאָס האַרץ נעמט האַסטיקער קלאַפּן. נעבן איר איז געשטאַנען איינער פון די אינוואַלידן, אַנגעשפּאַרט אויף אַ הילצערנער קוליע. זיין פּנים - דורכגעקרייצט מיט רויטע, קוים פאַרהיילטע שראַמען האָט אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט, ער האָט פאַרויכערט פון איר מאַכאָרקע, און מיט חוצפּה געבלאָזן איר דעם רויך אין פּנים אַריין. - די פּוילישע פּאַנעס - האָט ער געגומען בייז וואָרטשען - מ׳קאָן פון זיי נישט פּטור ווערן - און זיך נענטער געררוקט צום זעקל מאַכאָרקע.

יאַדוויגען איז אַן אימה באַפאַלן.

- אַן אונדזעריקער דאַרף דעם קאָפּ לייגן, ווייל היטלער האָט פיינט די זשידעס - האָט ער דערווייל געגומען שטרעקן זיין האַנט צום זעקל. זי האָט זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט. דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פרעמדן באַזאַר ווו קיינער קען זי ניט. זי האָט געהאַט וואָס דאָ קאָן פאַסירן. פון דערפאַרונג האָט זי געוווסט, אַז די אָרדנונג-היטער וועלן זיך פאַר איר נישט אָננעמען. זיי וועלן זיך באַצייטנס אָפּטראָגן, כדי נישט דאַרפן אויספירן זייער פליכט. און שפּעטער - ווען זי וועט אַפילו גיין אין דער מיליץ, וועט איר באַמיונג זיין אַרויסגעוואָרפן.

- די אַבראַשעס - האָט דער אינוואַליד געגומען ציען דאָס זעקל מיט כּוח, און ווייל זי האָט זיך אין זעקל אָנגעהאַלטן, האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט דער קוליע, און דערביי געשריגן:

- ברידערלעך, זעט ווי אַ רוסישער מענטש גייט צום גרונט!

יאַדזשע האָט זיך אינסטינקטיוו פאַרשטעלט מיט דער האַנט, זעענדיק ווי די קוליע פאַרמעסט זיך אויף איר.

עמעצער האָט אָנגעכאַפּט די אויפגעהויבענע קוליע און זי אַ צי געטאָן מיט כּוח, אַזש דער אינוואַליד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

- דו, אין דיין הינטישער מאַמען אַריין - האָט דער אינוואַליד דערהערט אַ שאַרפע שטים אין אויער.

- גרויסער העלד, אויף אַ פרוי זיך פאַרמאָסטן, האַ? און נאָך איידער דער אינוואַליד האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָבן צוויי פעסטע הענט אים אַ געזונטן שאָקל געטאָן.

דער אינוואַליד, דערהערנדיק דעם רוסישן לשון האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז ניט דאָרטן עפּעס אַ "ביעזשעניעץ", אַפילו נישט קיין מיליציאָנער, פאַר וועמען ער האָט קנאַפּ וואָס מורא געהאַט, נאָר אַוודאי איינער פון די "גאַלאַוואָרעזן", אַ "בלאַטנאַי" וואָס קען אים דאָ, אין מיטן מאַרק אַריינשלייפן אַ מעסער און זאָלסט אפילו נישט באַוויזן זיך איבערצוצלמען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פרעמדן, ווילעריש אַ פינטל געטאָן

מיט אַן אויג, דער פרעמדער זאָל פאַרשטיין, אַז ער איז אויך נישט אַבי ווער אַ שטיקל כוח גייער און דער מאַרק איז זיין טעריטאָריע. נאָר גאָרנישט - אַן אייגענעם איז ער גרייט צוצולאָזן.

אָנגעשפּאַרט אויף דער קוליע, האָט זיך דער אינוואַליד גאַנץ פלינק, גאָרנישט ווערדליק זיין אינוואַלידישקייט אַריינגעדרייט צווישן עולם, וואָס איז שוין געווינט צו אַזעלכע זאַכן.

יאַדזשע האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויפן פרעמדן.

- באַרויקט אייך פריילן - האָט דער פרעמדער אַ זאָג געטאָן, עס פּאַסירט אַזוינס היינטיקע צייטן, נאָר נעמט זיך דערמיט ניט איבער.

דער פרעמדער האָט נענטער אָנגעקוקט יאָדזשען, און דערזעענדיק דעם צלמל, אַ פרעג געטאָן אין פּויליש:

- און פון וואַנען שטאַמט די פריילן?

- פון וואַרשע - האָט יאַדזשע זיך אָפּגערופן, ס'ערשטע מאָל זינט דעם פאָרפאַל מיטן אינוואַליד. זי האָט דערפילט, אַז דאָ אויפן מאַרק האָט זיך פאָרט אָפּגעזוכט אַן אייגענער, ביי וועלכן מען קאָן געפינען שוץ. ערשט איצט האָט זי זיך פאַרגונען אָנצוקוקן דעם פרעמדן, פאַר איר איז געשטאַנען אַ יונגער מענטש, קען זיין - אין די סוף צוואַנציקער אין אַ פאָר הויכע, ברוינע אַמעריקאַנער שיך, ווערדליק די פּוילישע דעלעגאַטור טיילט אויס די פּריוויליגירטע. גרינע דרעליך־הויזן און אַ קורצן, גרינעם מיליטערישן זשאַקעט. זי האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי האָט דעם פרעמדן פריער נישט באַמערקט, ווייל מיט זיין אָנטאָן, אַ דאַרער, געוווּקסיקער, מיט העלע וואָנסעלעך האָט ער זיך אויסגעטיילט פון צווישן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן "טאָלטשאָק". דער פרעמדער האָט זיך פאַרנויגט, און אויסגעשטרעקט זיין האַנט:

-זיגמונט אָרלאָווסקי, פון קאַטאָוויץ.

-יאַדוויגאַ סאָקאָלסקאַ - האָט זי זיך פאָרגעשטעלט און אים אויסגעשטרעקט אַ ווייכע און וואַרעמע האַנט. ער האָט זי לייכט אַ דריק געטאָן, און דערפילנדיק די וואַרעמקייט האָט ער גלייך באַגריפן, אַז אָט די וואַרעמקייט פעלט אים.

- עס איז נישט צום פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר האָבן זיך נאָך פריער נישט באַגעגנט? האָט זיגמונט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

- איך בין אין זיראַבולאַק דאָס ערשטע מאָל. זינט דער באַפרייונג ווינען מיר אין קאַטאַקורגאַן.

- איר האָט אַ פאַמיליע? האָט שוין זיגמונט געפרעגט מיט אַ שטים אין וועלכער עס האָט זיך געפילט דער טאָן פון אַנטוישונג.

יאַדזשע האָט עס אויפגעכאַפּט און לייכט אַ שמייכל געטאָן:

- ניט אין דעם זין, ווי איך דוכט זיך, און כדי אָפּצווישן יעדן ספק אין איר פאַמיליע צוגעהעריקייט, האָט זי באַמערקט:

- דאָס פאָרפאָלק זאַנטאָוויטש באַטראַכט מיך ווי זייער אַדאָפּטירטע טאָכטער... יאָ, אַדאָפּטירט טאַקע אויפן קאַטאַקורגאַנער באַזאַר... האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער. זיגמונט האָט זיך פאַרגונען אַ שמייכל צו טאָן איבער דער מאָדנער סיטואַציע פון וועלכער עס איז אים דערביי קלאָר געוואָרן:

- יאַדזשע איז פריי...

פאַרנאַכט, אַז ער האָט זי באַגלייט צום צוג, איז צווישן זיי שוין געווען אַ

היימישקייט.ביידע האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי קענען זיך שוין גאָר לאַנג און אַז די עטלעכע יאָר וואָס ביידע האָבן פאַרבראַכט אין די לאַגערן פון וואַנען זיי זענען באַפרייט געוואָרן אַדאַנק דעם סיקאָרסקי־אַפּמאַך – איז געווען ניט מער ווי אַן איבערייס, אַ געוואַלדריס אין בגד, וואָס הייסט: לעבן. איידער דער צוג איז אַוועק, האָט יאַדזשע געענוי אָפּגעמשלט ווו זי וווינט, און ווען מען קאָן איר טרעפן. זיגמונט האָט צוגעזאָגט זיך אַראָפּצוכאַפּן גאָר בקרוב. עס האָט זיך אים געגומען דוכטן, אַז דער גורל וויל אים פאַרגיטיקן פאַר די לאַגער־חדשים, ווען זיין לעבן האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט.

...די חתונה וועט זיין אַ ציווילע, קיין אַנדערע איז דאָך אין רוסלאַנד נישט מעגלעך. יאַדזשע האָט דאָך אויך נישט קיין אַנדערע דאָקומענטן ווי ער: דאָס באַפרייונגס־צעטל פון לאַגער. אין זינען האָט ער געהאַט דאָס פאָרפאָלק זאַנטאָוויטש, אוודאי פוילישע אַריסטאָקראַטן, וואָס וועלן פאַרשטיין אַז אין די באַדינגונגען קען מען צופיל נישט פאַרלאַנגען... און אָט קומען זיי צוזאַמען קיין פוילן. אין דער געזעלשאַפט – וועמען קען גאָר איינפאַלן צו זוכן אַ יידן? כאָטש אין זינען האָט ער געהאַט נישט אַזוי ווייט זיך, ווי די קינדער זיינע, דעם דור נאָך אים.

– צוליב וועלכע שוואַרצע יאָר דאַרפן זיי ליידן צוליב יידישקייט, אין וועלכער זיי זענען אַבסאָלוט נישט שולדיק?

ביי זיך האָט ער אויסגענומען: מען וועט אָפּהאַקן אַלע זכרונות.

– מירן אָנהייבן ווי אדם און חוה, גאָר פון סאַמע אָנהייב. דאָס איז אים געפעלן. זכרונות זענען ווי שטיינער וואָס שלעפן דעם מענטשן צוריק. זי וועט עס פאַרשטיין. זיי שטערן דעם מענטשן אין זיין גאַנג פאָרויס מיטן טעמפּאָ פון איינעם וואָס האָט אָנצויאָגן פאַרלוירענע יאָרן.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיך און זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קייט קאַטאַקורגאַן, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ קאַצנשפּרונג פון זיראַבולאַק – און זיך פרעזענטירט צו די אַלטיטשקע, די זאַנטאָוויטשעס.

* * *

מיטן צ׳ריקקערער־שטראָם זענען די צוויי משפּחות: זאַנטאָוויטש און אָרלאָווסקי אָנגעקומען קיין פוילן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס שטילע פאָרפאָלק זאַנטאָוויטש האָבן געהאַט קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען נישט נאָר אין די ליבעראַלע קרייזן, נאָר אויך אין די לינק־מלוכישע. דערפאַר האָט שוין דער אינזשעניער אָרלאָווסקי באַקומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין מיניסטעריום פאַר אינדוסטריע און וואָס איז נאָך וויכטיקער געווען אין יענע טעג אין דער צעשטערטער הויפּטשטאָט וואַרשע – אַ פאַרהעלטנישמעסיק לייטישע וווינונג. דער נאָמען זאַנטאָוויטש האָט געהאַט אין זיך די ווירקונג, פון וועלכער אָרלאָווסקי האָט קוים געקאָנט אַנען. טייל מאָל האָט ער זיך געגומען פילן ווי אַ שאָטן פון עמעצנס אויסווירקונג.

– אָ, דאָס איז אינזשעניער אָרלאָווסקי, דער פריינד פון זאַנטאָוויטשן – זייער גוט, זייער גוט!

אין ביוראָ, ווו אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן, איז ער געווען דער איינציקער נישט־פאַרטייער און דער איינציקער פּראָפעסיאָנאַל. פּאָליטיק האָט אים וויניק אינטערעסירט. אַלע זיינע פּלענער און אַמביציעס האָבן זיך באַוועגט אַרום ריין טעכנישע דערגרייכונגען. אין אַנטוויקלען די מאַשינען־בוי אינדוסטריע.

זיין סביבה, אַדאַנק די זאַנטאָוויטשעס, איז באַלד געוואָרן דער קרייז פון ליבעראַלע

אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן שוין אין ערב מלחמה־פּעריאָד פּרובירט דאָס טיפּיש סלאַווישע פּאַראיראָפּעישן. דאָס זענען געווען אינטעלעקטואַלן פון מערב־איראָפּעישן שניט. זיגמונט אָרלאָווסקי, טאַקע דער ייִנגסטער - האָט זיך אַריינגעפּאַסט. כאָטש ער האָט באַטראַכט די פּוילישע קולטור - ווי זיין קולטור, איז אָבער דאָס סלאַווישע געווען מער אַ דרויסנדיקער ענין פאַר אים. ער איז געווען דער פאָרשטייער פון אַ קלאַס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס גענומען אַנטוויקלען אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד - דער קלאַס פון טעכנאָקראַטן. זיינע אינערלעכע קאָנפליקטן האָבן פון זיך אַליין זיך אויסגעגלעט; זיין ייִדישקייט איז פאַר אים געווען אַן עכאָ, אַ וויטער עכאָ פון זיין קינדהייט.

צווישן אים און זיין פרוי יאַדזשע האָט זיך איינגעשטעלט אַ האַרמאָניע, און ביידע האָבן געהאַט איין פּונקט, וואָס מ'האָט נישט אָנגערירט: דעם ערב־מלחמה. זיי האָבן מורא געהאַט זיך צורירן צום נעכטן. דאָס קאָן צעשטערן דעם בנין, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט און אַרומגערינגלט מיט אַ גערטנדל פון ליבע: זייער משפּחה־לעבן.

אין אָנבליק פון וואַרשע אָבער, האָט יאַדזשע נישט געקאָנט מער קיין רו געפינען. דאָס הויז, ווו זי האָט אַמאָל געלעבט, איז געווען אַ חורבה. אָבער די גאַס האָט זי דערקענט. פלעגט זי נישט איינמאָל פאַרבלאָנדזשען דאָרטן און קוקן, קוקן - ביז אַ פייכטקייט האָט אָנגעפילט אירע אויגן. זי האָט זיי אַלעמען געדענקט: די עלטערן, די פעטערס, די קינדער - אַלעמען... אַלעמען.

זי האָט דאָס אַלץ געמוזט טראָגן אין זיך. ווייל מיט וועמען קאָן זי איר צער טיילן? עס האָט איר געצויגן אַריינצוגיין אין ייִדישן קאָמיטעט, אַ פרעג טאָן: אפשר? אָבער, נישט וועלנדיק ציען אַ חשד אויף זיך, האָט זי דעם קאָמיטעט אויסגעמיטן.

איינמאָל איז זי פאָרט אַריין אין זון־ביוראָ ביים שטאָט־ראַט, סתם אַזוי - אַ סך מענטשן זענען דאָרט געשטאַנען אין דער ריי - און אַ פרעג געטאָן:

- האָט זיך עמעצער נאָכגעפרעגט אויף אַ פאַמיליע סאָקאָלסקאַ? דער באַאַמטער האָט געמאַכט אַ מעכאַנישע באַוועגונג, פון טאָן טאָג איין טאָג אויס די זעלבע אַרבעט פון זוכן נעמען אין רשימות פאַר די מענטשן, וועלכע קומען אין ביוראָ עפּעס געוווער ווערן. ער האָט אַ נישטער געטאָן, און מיט דער זעלבער מעכאַנישקייט געענטפערט:

-געווען אַ בריוו פון אויסלאַנד. איבערגעגעבן דעם ייִדישן קאָמיטעט. און צו דער רייע אַ זאָג געטאָן:

- דער ווייטערדיקער...

יאַדזשע איז פון מאַגיסטראַט אַרויס אַ צעשרויפטע. ערגעץ ווו האָט זי מומעס, פעטערס - אָבער ווו, און ווער זוכט עס איר - דאָס האָט זי נישט געקאָנט דערגיין.

עס האָט גענומען טעג, ביז יאַדזשע האָט זיך אַנטשלאָסן צו גיין אין ייִדישן קאָמיטעט. פונקט איז געווען אַ טאָג, ווען זיגמונד איז אַוועקגעפאָרן וועגן די ענינים פון מיניסטעריום. האָט זי זיך דערפילט פריי.

פון צווישן די פּעק מיט זוך־בריוו פון קרובים פון אויסלאַנד, האָט מען אַרויסגעצויגן אַ בריוו וואָס איז פון אַלע זייטן געווען באַשריבן מיט באַמערקונגען, פראַגע־צייכנס. זי האָט זיך נישט דערוועגט דעם בריוו דאָ אויפמאַכן. קיינער דאַרף נישט וויסן, וואָס פאַראַ שייכות דער בריוו האָט צו איר.

זי האָט פאַרמאַכט די טיר, און אין דער שטילקייט פון דער וווינונג, מיט ציטערדיקע הענט אויפגעמאַכט דעם בריוו. ייִדישע אותיות האָבן אַ בלענד געטאָן פאַר אירע אויגן. אותיות, וועלכע זי האָט שוין יאָרן נישט געזען. זי האָט זיי גענומען פונאַנדערקלייבן. ביסלעכווייז איז זי דערגאַנגען, אַז אַ מומע פון באָסטאָן פרעגט זיך נאָך, אויב עמעצער

איז געבליבן לעבן און זי וויל אַרויסהעלפן.

אַ מאָדנע קלעמעניש האָט זי אַרומגענומען. דער גאַנצער צער פון דעם, וואָס איז געשען מיט איר משפחה האָט מיטאָמאָל אַ שפאר געטאָן פון איר און זי האָט זיך צעכליפעט. עס איז פון איר געפלאָסן ווי פון אַ קוואַל, וואָס האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן צו דער אויבערפלאַך. פון וויינען איז איר אַביסל לייכטער געוואָרן. די טרערן זענען געפאַלן אויף די בייגעלעך פּאַפּיר און די צעשוווּמענע טרערן האָבן געשאַפן טינט־פלעקן.

אינסטינקטיוו האָט זי דערשפּירט: עמעצער קוקט איר נאָך. אויגן בויערן איר אַדורך. זי האָט זיך ראַפּטאָם אַ קער געטאָן צו דער טיר. ביי דער טיר איז געשטאַנען זיגמונט און האָט זי אָבסערווירט. זי איז פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס בלוט איז איר אָפּגעפלאָסן און אין מוח האָט עס געגומען שטעכן ווי מיט שפּילקעס:

– דאָס איז דער סוף... דער בריוו... דער סוד מיינער וועט אַנטפּלעקן דעם ליגן, מיט וועלכן איך האָב זיך יאָרן אַרומגעטראָגן. ווי אַ פאַרפּאָלגטע חיה. וועלכע מען פאַריאָגט אין אַ טעמפּן ווינקל – האָט זי געוואַרט אויפן לעצטן קלאַפּ. פּחד האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. די צונג, אַ געליימטע האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ קלאַנג. אין האַלדז איז איר געוואָרן טרוקן. די שרעק פון אומבאַקאַנטן האָט געלויערט אויף איר.

זיגמונט, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, איז צו צום טיש. ער האָט גענומען דעם בריוו אין האַנט אַריין און גענומען קוקן אין אים. אירע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין זיין פנים, און געזוכט די רעאַקציע. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז ער לייענט דעם בריוו.

– לייענסט דעם בריוו?!

נאָך אַ רגע האָט ער אַ שמייכל געטאָן. אַוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש, אַרויסגענומען אַ טאַשן־טיכל, אָפּגעווישט אירע טרערן און אַ זאָג געטאָן אויף יידיש:

–פון קרייז פון יידישן גורל קאָן מען נישט אַרויס...

---

(סוף פון ז׳ 3)

**אין אינהאַלט. עס זענען אַוועק און געקומען רעדאַקטאָרן, צו דערמאָנען בלויז אונדזערע דירעקטאָרן פאַרגייערס אריה פאָזי און זלמן שלאָסער ז"ל; יעדער רעדאַקטאָר האָט געלייגט זיין חותם אויף דער צייטשריפט וואָס איז געוואָרן אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל, האָט צוגעצויגן ניי מיטאַרבעטערס; צענדליקער, אפשר הונדערטער שרייבערס האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע שאַפונגען – עסייען, דערציילונגען, לידער אויף די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל.**

**מיט דער באַטייטנדיקער פאַרקלענערונג פון דער יידיש־רעדנדיקער סביבה אין לאָס־אַנדזשעלעס איז "חשבון" אַלץ מער אַרויס פון זיינע לאָקאַלע ראַמען און איז איצט אַ פעריאָדישע שריפט וואָס פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אויף דער יידיש־וועלט־מאַפּע. און פונקט ווי אונדזער יידישער קולטור־קלוב, וואָס איז דער מאָראַלישער און פינאַנציעלער אַפּוטרופּוס פונעם זשורנאַל, און ראַנגלט זיך אַליין מיט שוועריקייטן, זענען מיר אויך נישט פריי פון זיי. מיר קוקן אָבער מיט האָפענונג אין דער צוקונפט און גלייבן, אַז אַ דאַנק דער שטיצע פון אונדזערע געטרייע לייענער און פריינד, פון אונדזערע שטענדיקע – און צופעליקע – מיטאַרבעטערס, וועלן מיר קאָנען ווייטער אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט און טראָגן דאָס געלייטערטע יידישע וואָרט אין דער ברייטער יידיש־וועלט! מיט אָט די געדאַנקען טרעטן מיר אַריין אינעם 56־סטן יאָר פון דער "חשבון"־פירונג און גיבן איבער אין אייערע הענט, חשובע לייענער, דעם נומער 137 פון אונדזער זשורנאַל.**

**מ.ש.**

מרים קאָראַל

# קום צו מיר

״קום צו מיר״,
ווערטער געבאָרגט פון אַן אַנדער דיכטערין
ווייל זי איז געווען גענוג אומשולדיק אָדער דרייסט
זיי צו זאָגן מיט אַ הויכן קול
און זיך בלינד לאָזן וווּהין די ווערטער פירן.
איך האָב זיי גענוצט,
פאַרגעסן שוין וויפל מאָל.
טייל מאָל איז ער געקומען,
אַ מאַן וועלכן כ׳האָב גערופן...
פון דער אַנדער זייט באַן־סטאַנציע,
איבער פאַרשנייטע רעלסן
איבער אַ צעבראָכענער שטאָט
דורך אַ זאַווערוכע.

אַריבער צוויי שוועלן
איבערן וואַסער
אַרום די צוקונפטן פון זיינע קינדער.

אָבער דו ביסט געקומען דעם ווייטסטן וועג
איבער זיבן לענדער און נאָך אַ קאָנטינענט
און ביסט געבליבן צומקורצסטן.
צי בין איך אַוועק
ווען דיין אָטעם האָט מיך נאָך געוואַרעמט
און דער ווערטערלאָזער טעם פון דיין הויט
האָט פאַרזיסט מיין וועג אַהיים?

״קום צו מיר״
האָט ווידער געזאָגט די יונגע דיכטערין
ווי איך וועל ווידער זאָגן
אָבער שטילערהייט, ווי כ׳וואָלט זאָגן דיר
אויב כ׳וואָלט געהאַט פאַר דיר אַן אָרט
צווישן מיינע געשיכטעס אומבאַזיגבאַרע מויערן –
אַזוי ווי אויף דעם וועג
אויף וועלכן כ׳וואָלט זיך געלאָזן
אויב כ׳וואָלט געהאַט דעם מוט צו נוצן די מויערן
ווי אַ שפרינגברעט
פאַר זיך אַליין --
וואָלסטו מיך נאָכפאָלגן פונקט
ווי איך וואָלט געפלויגן צו דיר
אויב דו וואָלסט אויסגערופן
״קום צו מיר״?

נאָוועמבער, 2000

←

לייב באָראָוויק/ ניו־יאָרק

## מיט אהבה אָן שיעור

סט'מיט אהבה אָן שיעור,
מיין ליבסטע, מיך באַגלייט
ווייַ, ס'האָט אָן אשמדאַי
אַ וויסטער אונדז צעשיידט.

דיין האַרציקייט האָט מיך
פון הונגערטויט פאַרהיט
אין געטאָ דאָרט. מיט פאָרכט
די שורות כ'שרייב, דאָס ליד.

זינט ביסט פאַרגאַן איז אַלץ
אַרום ווילד־פרעמד אַזוי.
אָן דיר, אָ גנעדיקע,
ז'מיין זיין אָן אָפּקום בלויז.

ס'טרעפט האַלב אין טראַנס, האַלב וואַך
דיין קול, מיין שענסטע, כ'הער:
„גלייב, זען איך זע דיין פּיין
און לייד, מיין טייערסטער".

כ'גיי אום אַ שאָטן דאָ,
מיין צאַרטע חברטע.
פאַר וואָר, צו דיר כ'געהער,
צו דיר, פאַרפייניקטע.

אוי, פעלסטו אויס מיר! ס'ווייסט
דער אַלגעאַכפּערטער
ווי כ'בענק נאָך דיר, אָ, פרי
אַזוי פאַרשניטענע.

אַ קוואַל פון מוט און טרייסט
ביסטו פאַר מיר געווען;
דיין הייליק אַש כ'וואָלט איצט
געקושט, מיין איינציקע.

עס שוועבט פאַר מיר דיין דמות
ווי כ'קער זיך נאָר און ווענד.
אָן פגם פאַרלאָזן האָסט
די וועלט די זינדיקע.
טאָ זאָל זשע עד אין סוף
דיין זכר זיין געבענטשט.

מיט גאָר מיין האַרץ און זעל
כ'בלייב דיין, פאַרטיליקטע.
אין פרידן רו, איך קום
צו דיר באַלד, ליכטיקע.

---

## ערב תשעה ב'אב

אַ בין־השמשותדיקע צייט פון אַנהייב
דורות געוויין --
געמיינט וואָלט מען
אַז נאָך אומצייליקע יאָרן
קאָן עס שוין פון געדאַנק
פאַרטריבן ווערן.
ליידער, פון יעדן נייעם צער
ווערן די אַלע פריערדיקע
ווידער דערוועקט.

געבוויט יאָרן לאַנג,
סיי אין איילעניש, סיי מיט געדולד,
צוליב בלינדע אַרמייען אָן אַ צוועק
זיינען פון צוויי בתי מקדש
די שטיינער זיך צעפאַלן
און מיט מענטשלעכן שטויב
געוואָרן באַדעקט.

אַזוי קאָן אַ געבוויט לעבן אויך זיך
צעברעקלען,
שטיין ביי שטיין.

ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# געזעגענונג מיט מיין חרובער היים

עס איז געווען אָנהייב סעפטעמבער 1948, ניין יאָר נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען כ'האָב געקראָגן צוגעשיקט מיין אויסלענדישן פּאַס און די אַריינפאָר־וויזע קיין פראַנקרייך. נאָכן אָפּזיין קנאַפּע צוויי יאָר אין דער האַלב־חרובער וורצלאַוו, די הויפּטשטאָט פון נידערשלעזיע, וואָס איז צוגעאייגנט געוואָרן צו פּוילן נאָך דער מלחמה, האָב איך דעצידירט צו פאַרלאָזן פּוילן. די האָפענונג אויפצובויען, כאָטש אין אַ מיניאַטור־פאָרעם, אַ באַנייט יידיש לעבן אויף די ניי־פאַרנומענע געביטן איז גיך אויסגערונען. די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי - אַזוי האָבן זיך די קאָמוניסטן אַ נאָמען געגעבן - איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער טאָטאַליטאַרער טענדענץ צו ליקווידירן אָדער איינשלינגען אַלע עקסיסטירנדיקע פּאַרטייען, קעגנערישע און פיינטלעכע צוגלייך. פּונקט ווי נאָך דער רעוואָלוציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלן אין גיכן די פאַרבליבענע בונדיסטן זיך מוזן אָנשליסן אין דער "פאַראייניקטער" פּאַרטיי, די ציוניסטישע גרופּעס וועלן ליקווידירט ווערן, און די רעליגיעזע געמיינדעס וועלן קוים־קוים טאָלערירט ווערן. פיל פון מיינע חברים און פריינד האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן פּוילן אומלעגאַל און זיך דערשלאָגן אין די די־פּי לאַגערן אין דער אַמעריקאַנער אָדער ענגלישער זאָנע אין דייטשלאַנד. היות ווי איך בין געווען מיט מיין פרוי און אונדזער דריי־יעריק טעכטערל, בין איך ניט געווען להוט זיך צו לאָזן איבער גרענעצן דורך טשעכאָסלאָוואַקיי קיין דייטשלאַנד. צו אונדזער מזל זענען אונדזערע פּאַספּאָרטן באַנייט געוואָרן און דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע האָט אונדז באַזאָרגט מיט טראַנזיט־וויזעס קיין פראַנקרייך. סוף אָקטאָבער האָבן מיך געדאַרפט פאַרלאָזן פּוילן, דאָס לאַנד פון אונדזער קינדהייט און יוגנט, און פון אונדזער גרויסער בראָך.

ס'איז געווען אַ וואָך פאַר ראש־השנה און פּלוצעם האָט מיך באַהערשט אַ דראַנג צו זען צום לעצטן מאָל מיין היימשטאָט אָטוואָצק, 28 קילאָמעטער דרום פון וואַרשע. איך בין שוין געהאַט געווען דאָרטן עטלעכע מאָל גלייך נאָך אונדזער רעפּאַטריאַציע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, און איך האָב געמיינט, אַז איך האָב שוין געזען און געהערט גענוג וועגן אומקום פון מיינע נאָענטסטע און פון דער יידישער קהילה און אָטוואָצק. אָבער איצטער, פאַרן פאַרלאָזן פּוילן אויף שטענדיק, האָב איך געפילט, אַז איך מוז נאָך אַ מאָל זיך געזעגענען מיט מיין אָפּגעמעקטער היים. געטראַכט און געטאָן. איך האָב זיך אויפגעזעצט אין אָוונט אין צוג און אָנגעקומען אין דער פרי קיין וואַרשע און פון דאָרטן מיט דער שנעלער עלעקטרישער באַן קיין אָטוואָצק.

פאַר דער מלחמה איז דער זאַל פון דער אָטוואָצקער באַן־סטאַציע אַלע מאָל געווען פול מיט אָנקומענדיקע דאַטשניקעס און געסט אין די אָטוואָצקער פּענסיאָנאַטן. אויפן פּלאַץ אין פראָנט פון דער באַנסטאַציע פלעגט זיין אַ לאַנגע ריי דראָשקעס, די דראָשקאַזשעס, מערסטנס יידן, גרייטע אָפּצופּירן די אָנקומענדיקע געסט. אַצינד אָבער איז דער באַנפּלאַץ געווען כמעט ליידיק; בלויז איך בין זיי פאַרבייגעגאַנגען שווייגנדיק און זיך פאַרקירעוועט אויף רעכטס, אונטערן באַנטונעל, צו דער יידישער געגנט פון שטאָט אַרום דעם באַזאַר.

אָט אָ דאָ, ביי דער באַנראַמפּע זענען אַכט טויזנט אָטוואָצקער יידן צונויפגעטריבן געוואָרן דורך די דייטשישע איינזאַץ־טרופּן און זייערע אוקראַאינישע אַרויסהעלפער, און

פון דאַנען זענען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן אין פיך־וואַגאָנען קיין טרעבלינקע. געשען איז דאָס מיטוואָך, דעם 19טן אויגוסט 1942 (ו' אלול תש"ב), אין אַ קלאָרן זומערטאָג, ווען די צוועלף טויזנדיקע יידישע קהילה פון אָטוואָצק איז אָפּגעמעקט געוואָרן אויף אייביק. מיט די אַוועקגעשיקטע צום מאָרד קיין טרעבלינקע זענען געווען מיין פאָטער משה־אברהם, מיינע צוויי יינגערע שוועסטערלעך, רחל און מלכהלע, און מיין ברודערל גאָדל. די מאַמע איז אומגעבראַכט געוואָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער, צוזאַמען מיט די אַרום פיר טויזנט פאַרבליבענע יידן, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. בלויז מיין אַכצניעריקע שוועסטער טעמע האָט באַוויזן אויף אַ קורצער צייט זיך צו ראַטעווען פון פייער. זי איז אַנטלאָפן קיין סאַדורקי, אַ דאָרף אין לובלינער געגנט, ווו איר מומע האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט אירע צוויי קינדער, אָבער אויך דאָרטן האָט אַ דייטשישע קויל אין גיכן פאַרשניטן איר יונג לעבן.

איך האָב פאַרלאָזן אָטוואָצק אין דער ערשטער וואָך פון דער מלחמה. צוזאַמען מיט צוויי חברים בין איך אין מיטן סעפּטעמבער אָנגעקומען קיין לוצק, מעריב־אוקראַינע, וואָס איז באַלד פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. אין יאַנואַר 1940 האָב איך זיך רעגיסטרירט אויף אַרבעט אין טיף־רוסלאַנד און אָנגעקומען אין שטעטל ספּאַסק, ריאַזאַנער געגנט, אין אַ לעדער־פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט ביזן דייטשישן אָנפאַל אויף סאָוועט־רוסלאַנד אין יוני 1941. דעמאָלט האָב איך ווידער גענומען וואַנדערן איבער די ברייטן און ווייטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ביז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין אָקטיאַבערסק, אַ רוסיש דאָרף אין קירגיזיע, ווו איך האָב אָפּגעפונען מיין יוגנט־פריינדין פון דער היים. דאָרטן האָבן מיר חתונה געהאַט און אין מיי 1945 איז אונדזער טאָכטער מרים געבוירן געוואָרן. מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין פוילן און זיך באַזעצט אין ווראָצלאַוו.

און אָט בין איך ווידער אין אָטוואָצק, אויף דער יאָסעלעוויטש־גאַס, אין פראָנט פון לאַנגן, צוויי־שטאָקיקן מויער ווו. מיר, צוזאַמען מיט אַרום צוואַנציק אַנדערע יידישע פאַמיליעס, האָבן געוווינט. אין פראָנט, צו דער גאַס אַרויס, זענען געווען די געוועלבלעך אָדער וואַרשטאַטן, און אין די הינטערשטובן, אָדער אויבן, אויפן שטאָק, זייערע וווינונגען. אַ טיף טויער־געוועלבונג האָט געפירט פון גאַס אין גרויסן הויף אַריין, וואָס פלעגט זומערצייט זיין פול און רוישיק מיט די קינדער פון די יידישע איינוווינער. איך בין אַריין אין הויף און אַ שרעקעוודיקע שטילקייט האָט מיך אַרומגענומען; קיין איין קינד איז אין הויף ניט געווען. אַ פּאָר וווינונגען זענען געווען שוין רעמאָנטירט און פאַרנומען פון נייע פוילישע איינוווינער, די איבעריקע שטובן זענען געווען ליידיק, מיט איפּגעבראָכענע אָדער מיט ברעטער פאַרקלאַפּטע טיר־און פענצטער, און אַ שוידערלעכע אימה האָט געוויעט פון זיי.

איך בין צוריק אַרויס אויפן גאַס און גייענדיק באַטראַכט די אומגלויבלעכע צעשטערונג, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. די מערסטע יידישע הייזער, צווישן זיי צוויי און דריי־שטאָקיקע מויערן, זענען צענומען געוואָרן ביזן גרונט און אַזוי אַרום געשאַפן אָפענע שטחים שוין באַוואַקסן מיט גראָז. עס איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין פאַר וואָס אַזוי פיל גאַנץ פיינע הייזער און וווינונגען זענען צעבערעקלט געוואָרן אויף ציגל און האָלץ. מענטשן האָבן דאָך געקאָנט וווינען אין זיי! און אָט בין איך אַריין אויף דער גורנע־גאַס, ווו עס איז געווען די שטאָטישע מקוה. נעבן אירע חורבות איז געבליבן שטיין די ריינדאָרף־שיל, וואָס האָט געשמט מיט אירע קאָלירפולע וואַנט־מאָלערייען. דער דאַך פון דער שיל איז געווען אָפּגעריסן און אויף די פיר ליידיקע ווענט האָבן זיך

נאָך אָנגעזען די קאָנטורן פון די ביבלישע חיות און דעם מיטאָלאָגישן לויתן אין צענטער. בעת דער אָקופּאַציע האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט די שיל אין אַ פערד־שטאַל. די אַנדערע גרויסע שיל, אָדער בית־מדרש, אויף דער דערבייאיקער קופּיעצקע־גאַס איז געווען גאַנץ און גענוצט אין געטאָ ביזן טאָג פון דער ליקווידאַציע, ווען זי איז פאַרברענט און צענומען געוואָרן מיט די אַנדערע בנינים. איך גיי ווייטער לענג־אויס דער געוועזענער יאָסעלעוויטש־גאַס און קום צו דער ווילע פון אָטוואָצקער רבין. דאָ, אין רבינס הויף, האָב איך געלערנט אין מיינע קינדער־יאָרן אין אַ חדר. אין די ימים נוראים האָב איך געדאַוונט ביי דער זייט פון מיין טאַטן, אין רבינס בית־מדרש, וואָס איז געווען איבערפולט און באַלויכטן מיט הויכע ליכט אַריינגעשטעקטע אין זאַמד־קעסטלעך. אַצינד איז קיין זכר פון בית מדרש און די דערבייאיקע בנינים ניט פאַרבליבן. דאָס זעלבע איז געשען דערנעבן, אין גרויסן הויף, אויפן ראָג פון יאָסעלעוויטשאַ און סטאַשיצאַ־גאַס. ווו עס זענען פריער געווען איינציקע בנינים, אין וועלכע ס'האָבן געהויזט די שטאָטישע תלמוד־תורה, די ביקור חולים געזעלשאַפט און דאָס גערער חסידים־שטיבל, די אַלע הייזער זענען אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד און די מערסטעביימער זענען אויסגעהאַקט געוואָרן. אַקעגן איבער דעם תלמוד־תורה הויף איז געשטאַנען דאָס איינשטאָקיקע הילצערנע הויז פון מיין פרויס עלטערן. דאָ, אין דער באַגלאָזטער וועראַנדע פון הויז פון מיין דעמאָלסטיקער חברטע, האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט איר שוואָגער, אַ לוצקער תושב, מיר זאָלן איבערלאָזן אַלעמען און לויפן קיין לוצק. דאָס איז געווען אין זעקסטן טאָג פון דער מלחמה און אויף צו מאָרגס האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט. אַצינד איז פון גרויסן הויז קיין צייכן ניט געבליבן. דער שטח פון קולטיווירטן הייפל איז געווען פאַרוואָרלאָזט און פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז. בלויז די הייזקע פון דער פּוילישער שכנה - די איינציקע קריסטין אויף דער גאַס - שטייט אומבאַרירט און גאַנץ. איך קלאַפּ אָן אין איר טיר און זי קומט אַרויס, אָבער בעט מיך ניט אַריין אין הויז. זי ווייסט גאָרניט, זאָגט זי, וואָס איז געשען מיט אירע שכנים, בעתן געטאָ האָבן זיי זיך געמוזט אַרויסציען פון דאַנען, אָבער גלייך נאָך דער אַרויסשיקונג פון די יידן זענען זיי קריקגעקומען און פאַרהיט זייער נחלה פון דער אַרומיקער צעשטערונג. דער אָוונט האָט זיך גענענטערט און איך בין שוין געווען היפּשלעך מיד פון אַרומגיין איבער די רוינעס פון יידישן קווירטאַל, דעם הויפּטטייל פון אָטוואָצקער געטאָ. די אַנדערע צוויי קלענערע טיילן זענען געווען אין דער ווילע-געגנט אויף דער אַנדערער זייט באַן. איך האָב זיך געאײַלט צוריק קיין וואַרשע, איבערלאָזנדיק מיין געזעגענונג מיט דעם טייל פון שטאָט אויף צו מאָרגנס.

דער אויבערשטער טייל פון שטאָט, אויף דער אַנדערער זייט פון דער באַנליניע. איז באַשטאַנען פון געדיכטע סאָסנע־ווילעס, מיט פיל פּענסיאָנאַטן און סאַנאַטאָריעס פאַר לונגען־קראַנקע, וואָס זענען געווען באַקאַנט איבער גאַנץ פּוילן. אויף די הויפּט־גאַסן, די וואַרשעווער און ריימאָנט־גאַס, זענען געווען צוויי גרויסע מאָדערנע סינאַגאָגעס, וואָס יידישע פילאַנטראָפּן האָבן אויפגעבויט.ביידע סינאַגאָגעס האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן אַ קורצע צייט נאָך זייער פאַרנעמען אָטוואָצק. אין דער געגנט האָבן געוווינט אין באַזונדערע ווילעס דער מאָדזשיצער און דער קאָזשעניצער רביים. ביידע האָבן געהאַט די זכיה ניט אומגעברענגט צו ווערן פון די דייטשישע רוצחים. דער מאָדזשיצער רבי האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה און זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל און רב אהרלע, דער קאָזשעניצער, איז געשטאָרבן אין

געטאָ פֿאַר דער ליקווידאַציע. די אַנדערע רביים, דער פּאַריסאָווער און אָטוואָצקער, ווי אויך די שטאָטישע רבנים, רב ראובן זעמאַן און דער לעלעווער רב, זענען אומגעקומען אין טרעבלינקע, אָדער אין שטאָט, צוזאַמען מיט זייערע משפּחות און מיטן רוב פֿון זייער קהילה.

ניט ווייט פֿון די רבישע ווילעס איז געווען דאָס יידישע יתומים־הויז פֿון דער "צענטאָס־געזעלשאַפֿט", די "זאָפּיוווקע", אַ יידישער שפּיטאָל פֿאַר גייסטיק־קראַנקע און די באַרימטע "מרפּא"־סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־קראַנקע. דאָס "צענטאָס" יתומים־הויז איז באָמבאַרדירט געוואָרן דעם סאַמע ערשטן טאָג פֿון דער מלחמה. איבער אַ צענדליק קינדער און לערערס זענען דערהרגעט אָדער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, צווישן זיי דער דירעקטאָר פֿון אַנשטאַלט, דער פּאָעט קלמן ליס. דאָס יתומים־הויז האָט ווייטער פֿונקציאָנירט אין געטאָ און בעת דער ליקווידאַציע זענען זיך די קינדער און לערערס צעלאָפֿן וווּהין זיי האָבן נאָר געקאָנט. די קראַנקע אין "זאָפּיוווקע" שפּיטאַל און די פּאַציענטן צוזאַמען מיט די דאָקטוירים און באַדינער אין דער "מרפּא"־סאַנאַטאָריע האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן אויפֿן אָרט אין טאָג פֿון אומברענג פֿון געטאָ.

און אָט בין איך אין וועלדל ביי דער ריימאָנט־גאַס, ביים גרויסן אָנדענק־שטיין איבער איינעם פֿון די מאַסן־קברים פֿון די איבער פֿיר טויזנט אויסגעמאָרדעטע אָטוואָצקער יידן, וואָס האָבן געהאַט אויסגעמיטן דאָס טראַנס־פּאָרטירן פֿונעם רוב קיין טרעבלינקע. זיי האָט מען ביסלעכווייז אויסגעפֿונען, אָדער זיי זענען אַליין אַרויסגעקומען פֿון די קעלערן און בוידעמס, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, און פֿאַרזאַמלט אונטערן פֿרייען הימל, אין אַ פֿאַרצוימונג אין הויף פֿון דער געטאָ־פּאָליציי. דאָרטן, געהיט פֿון די אייגענע יידישע פּאָליציסטן, האָבן זיי געוואַרט אויף די דייטשישע מלאכי־חבלה - די זשאַנדאַרן פֿון רעמבערטאָוו, וואָס זענען צוויי מאָל אַ וואָך אַראָפּגעקומען, צוגערויבט ביי די פֿאַרמשפּטע יידן דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, זיי קאַלטבלוטיק אויסגעשאָסן און געשליידערט אין די אָפֿענע גריבער.

איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכטל און געשטיקט דאָס געוויין, וואָס האָט געשפּאַרט פֿון מיין קעל איבערן גורל פֿון די אַלע הייליקע, אומשולדיק־ריינע קרבנות (מיין לייטזעליקע מאַמע צווישן זיי). פֿון אַן אומגעהערטער רציחה און יידן־האַס. מער פֿאַרבלייבן אין מיין אויסגעטויטער היימשטאָט האָב איך ניט געקאָנט. איך בין צוריקגעפֿאָרן קיין וואַרשע און אויף צו מאָרגנס אָנגעקומען ווידער אין וווראָצלאַוו. ס'איז געווען ערב ראש־השנה און דעם אַנדערן טאָג אין דער פֿרי בין איך אַוועק אין דערביי־איקן יידישן צענטער ווו עטלעכע הונדערט יידן, מערסטנס רעפּאַטריאירטע פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אָפּצוריכטן די ניי־יאָר תפֿילות.

פֿאַרשיידענע קעגנזעצלעכע געדאַנקען און געפֿילן האָבן מיך באַהערשט איידער איך בין אַריין אין דעם וווראָצלאַווער געבעטהויז. דאַרף איך אַריינגיין און בעטן פֿאַרגעבונג פֿון אַ גאָט, וואָס האָט צוגעזען און דערלויבט דעם מוראדיקן מאָרד פֿון מיליאָנען אומשולדיקע יידן, מענער און פֿרויען, זויגלינגען און הערלעכע יוגנטלעכע און יונגפֿרויען, געטרייע און אָפּגעהיטע חסידים און פֿרומע לייט, וואָס האָבן אָפּגעהיט אַלע געזעצן און פֿאַרשריפֿטן פֿון דער תורה? און אַ צווייט קול אין מיר האָט געטעהנעט: פֿאַר וואָס באַשולדיקן נאָר גאָט און ניט זיך אַליין און די מנהיגים פֿון פּוילישן יידנטום? אָט זענען עטלעכע הונדערט טויזנט פּוילישע יידן אַנטלאָפֿן בעתן אויסברוך פֿון דער

←

משה בן שלמה זאב (וואָלף)

# מיכאל אַלעקסאַנדראָוויטש -
# דער וועלט־באַוווסטער זינגער און חזן

"I was attracted to the strange and haunting beauty of Jewish music"(...)
"I was so bewitched by the mystereious color and exotic charm of these melodies that for weeks I could not get this music out of my mind. Then my imagination was set aflame"
**Maurice Ravel**

"דאָס פאָלק דאַרף וויסן, וואָס פאַר כוחות עס געפינען זיך ביי אים"
**שלום עליכם "יאָסעלע סאָלאָוויי"**

## א.

מי כמוך בעמים - וועלכע אומה איז נאָך אַזוי רייך אין נגינה, ווי דאָס יידישע פאָלק? אָנהויבנדיק פון "אָז ישיר משה" און ווייטער, אין אַלע צייטן - אין פריידן און אין גרויסן צער און ווייטיק, (אפילו אין די נאַצישע געטאָס און טויט־לאַגערן) - האָבן יידן נישט אויפגעהערט צו זינגען און מיט גרויס ליבע און פאַרערונג שאַצן די זינגערס, בעלי־תפילות און חזנים, וועלכע זענען פון דורי־דורות געווען די שליחי ציבור - די אויסדריקער פון דעם פאָלקס געפילן און זיינע באַציונגען פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו דער נאַטור, און פון מענטש צו גאָט.

---

מלחמה אין שכנותדיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און די מערסטע פון זיי האָבן זיך אַצינד אומגעקערט, גאַנץ און געזונט, קיין פוילן. ווו זענען געווען אונדזערע מנהיגים, די רבייב פון צענדליקער טויזנטער חסידים, אָנפירער פון די פּאָליטישע פאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען, וואָס האָבן ניט גענומען ערנסט היטלערס אָפענע דראָונגען, אַז מיטן אויסברוך פון דער מלחמה וועט קומען אַ סוף צום יידישן פאָלק? ווי האָבן זיי געקאָנט זיין אַזוי בלינד ניט צו זען די וואָרנונג־סיגנאַלן - שוין נאָך די נירענבערגער ראַסן־געזעצן, דער קרישטאָלנאַכט, דעם אָנשלוס פון עסטרייך און די אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיי? אַן אָרגאַניזירטע מאַסן־עוואַקואַציע קיין רוסלאַנד, אין די ערשטע חדשים פון קריג, און אפילו אַ ביסל שפּעטער, ווען די גרענעצן זענען נאָך ניט געווען לגמרי געשלאָסן וואָלט דאָך געראַטעוועט דעם רוב פון פּוילישע יידן! און איך אַליין, ווי האַב איך געלאָזן מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודערל און געלאָפן ראַטעווען זיך אַליין?! אַ רעאַלע מעגלעכקייט פון רעטונג איז געווען - און זי איז צום גרויסן באַדויערן ניט אויסגענוצט געוואָרן! אויב אַזוי, האָב וויינִיקער טענות צו גאָט און מער צו זיך אַליין, צו דיינע אייגענע מנהיגים און פירער.

דורך די אָפענע טירן פון דער וורא‌אָצלאָווער שיל זענען צו מיר דערגאַנגען די היימישע ימים־נוראים טענער פון ראש־השנהדיקן דאַווענען. ס'האָט זיך מיר דערמאָנט מיינע קינדער־יאָרן, ווען כ'בין געשטאַנען נעבן מיין פאָטער אין פול־געפּאַקטן בית־מדרש פון אָטוואָצקער רבין און זיך צוגעהערט צו די יום־טובדיקע תפילות און ניגונים; און איך האָב געהערט די געוויינען און די ניי־יאָר ווינטשעוואַניעס פון מיין מאַמען מיט די שכנות אירע אין אונדזער הויף אויף יאָסעלעוויטש־גאַס... פּאַמעלעך בין איך אַריין אין דער וורא‌אָצלאַווער שיל זיך צו פאַראייניקן מיט די שרידים פון מיין פאָלק אין זייער גרויס געוויין און קדיש נאָך די אַלע וואָס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן און צו קיין קבר ישראל ניט געקומען.

די יידישע נגינה, פֿאַרשטייט זיך, איז קיין מאָל ניט געווען אַן עם לבדד ישכון - איזאָלירט פֿון דער מוזיק פֿון אַנדערע פֿעלקער. זי האָט איינגעזאַפּט אין אירע רייכטומער דאָס פּראָגרעסיווע און אַלמענטשלעכע פֿון דעם אַרום, און מיט דעם איז זי געוואָרן נאָך מער אייגנאַרטיק און נאָך מער אַטראַקטיוו. זי האָט שטענדיק צוגעצויגן צו זיך דעם אינטערעס פֿון די ברייטע מאַסן און די גרעסטע וועלט־באַוווסטע מוזיקער - קאָמפּאָזיטאָרן און זינגערס. דער פֿראַנצויזישער אָנאָרע דע באַלזאַק שרייבט:

"...ווען איך האָב געהערט אין דזשאָאַקיני ראָסיניס אָפּערע "משה" די תּפֿילה פֿון די נאָר וואָס באַפֿרייטע יידן, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין געווען ביי דער באַפֿרייונג פֿון איטאַליע"...( און דאָס באַטייט, אַז אין דער באַפֿרייונג פֿון דער מיצרישער קנעכטשאַפֿט קאָן מען אויפֿנעמען און דערפֿילן די באַפֿרייונג פֿון יעדן פֿאָלק; געאָרג פֿרידריך הענדעלס דראַמאַטישע אָראַטאָריעס "אסתּר", "יהודה המכּבי", און "שאול" האָבן דערשיטערט מאָצאַרטן; סען־סאַנס ווערט אַזוי צונויפֿגעוואַקסן מיט זיין אָפּערע "שמשון און דלילה", אַז די צוהערערס האָבן זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, ווי האָט זיך איינגעגעבן דעם תּנך דערציילן די געשיכטע פֿון די צוויי העלדן, ניט דערמאָנענדיק סען־סאַנסן;

"צוליב דער אָראַטאָריע "שאול" - האָט בעטהאָווען געשריבן, - האָב איך גרינטלעך דורכגעשטודירט די יידישע מוזיק. איך בין גענאַנגען אַראָפּ פֿון טרעפּ צו טרעפּ און זיך אַראָפּגעלאָזט אין די סאַמע טיפֿענישן, און איך בין איבערראַשט געוואָרן פֿון דער רייכקייט פֿון די פֿלאַסטן, וואָס ליגן איינס אויפֿן צווייטן, אוצרות אויף אוצרות! קום און נעם! אָט דאָס מענטשלעכע געזאַנג האָט ניט פֿון הימל אויף דער ערד אַראָפּגענידערט, נאָר פֿאַרקערט, פֿון דער ערד האָט עס זיך דערהויבן ביז צו די הימלען".

פֿערענץ ליסט, וועלכער פֿלעגט אָפֿט קומען אין דער בערלינער שיל הערן די גרויסע קינסטלער־חזנים לעוואַנדאָווסקין און ש. זולצערן, האָט בשעתו געשריבן: "מיר איז אויסגעקומען צו זען און הערן וואָס עס קאָן באַשאַפֿן ווערן און זיך אַנטוויקלען פֿון דער יידישער מוזיקאַלישער קונסט, ווען יידן פֿאַרווירקלעכן די פּראַכט און גרויסאַרטיקייט פֿון זייער פֿאַנטאַזיע און כּוח הדמיון אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען, וואָס זענען אייגנטימלעך זייער מוזיקאַלישן זשעני".

עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן אַנטאָן רובינשטיינס "מכּבייער", וועגן סעראָווס "יהודית". וועגן גלינקאָס יידישער מעלאָדיק אין דעם ליד פֿון פּירשט כאָלמסקי צו רחלען, מוסאָרגסקיס "יהושוע בן נון" און זיינע "בילדלעך פֿון דער אויסשטעלונג" (ניט געקוקט אויף זיין אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטיזם).

אויך אין אונדזער טרויעריקער צייט. הערן נישט אויף צו קלינגען די פּרעכטיקע יידישע שטימעס פֿון אונדזערע באַליבטע און וועלט־באַוווסטע זינגערס און חזנים סיי אין ישׂראל. סיי אין די תּפֿוצות. איינער פֿון די דאָזיקע אויסדערווייילטע איז לאַנגע יאָרן געווען (און פֿאַרבלייבט עד היום) דער לירישער קאַמערן־זינגער און וווּנדערבאַרער חזן מיכאל (מישאַ) אַלעקסאַנדראָוויטש.

ב.

מיכאל (מישע) אַלעקסאַנדראָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1914 אין ליטווישן דאָרף בערסליס, אין אַ ניט פֿאַרמעגלעכער משפּחה. דער טאַטע, אַן אויטאָדאַקטישער מוזיקאַנט, האָט געצויגן די חיונה פֿון באַדינען מיט זיין שפּילן ניט נאָר יידישע נאָר אויך גויישע חתונות און אַנדערע פֿאַרווייילונגען. ער איז זייער שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צו זיין בן־יחיד, וועגן וועלכן, פֿונעם ערשטן טאָג פֿון זיין געבוירן, פֿלעגן אַרומגיין פֿאַרשיידענע לעגענדעס. איינע פֿון זיי איז געווען, אַז בעת ער איז אַרויס פֿון

זיין מוטערס טראַכט, האָט ער אָנשטאָט וויינען און שרייען, צום וווּנדער פֿון אַלע אַרומיקע זיך צעזונגען. אַפֿילו ביי דעם ברית איז ער זיך פֿאַרגאַנגען מיט אַ ניגונדיקער איכה־עלעגיע, וואָס האָט דערשיטערט די קימפּעטאָרין, דעם מנין יידן און דעם מוהל.

אין דאָרף האָבן אַלע אים גערופֿן "מישע סאָלאָווייטשיק" און יעדער איינער פֿלעגט צוגעבן, אַז ער "רעדט דאָך נישט, מינישטיינס געזאָגט, נאָר ער זינגט, אַז ער וויל שוין עפּעס זאָגן, הויבט ער אָן שטאַמלען מיט משונהדיקע ווערטער: "דאָ, רע מי פֿאַ". מבינים פֿלעגן זאָגן, אַז דער טאַטע זיינער לערנט אים די נאָטן־שריפֿט פֿריער פֿונעם אַלף־בית. גיין אין חדר האָט ער קיין גרויס פֿלייס ניט אַרויסבאַוויזן. פֿריער פֿון אַלע מיט־תּלמידים האָט ער באַהערשט די תּפֿילות פֿונעם סידור און די וואָכעדיקע פּרשה פֿונעם חומש – ניט אַזוי דעם טייטש, ווי דעם טראָפּ, און בעת דער מלמד פֿלעגט באַמיען זיך צו פּאַרטייטשן די נייע ווערטער, פֿלעגט מישע "אין מיטן־דערינען" זיך צעזינגען, און דאָס פֿלעגט אַרויסרופֿן צאָרן פֿונעם מלמד און די ניט צופֿרידנהייט פֿון די תּלמידימס עלטערן, וועלכע פֿלעגן זיך קלאָגן פֿאַר מישעס טאַטן, אַז ער שטערט דעם מלמד און די קינדער זיך לערנען. מישעס טאַטע, אָבער, אָנשטאָט זיך בייזערן אויפֿן קינד, פֿלעגט אים באַלעווען, און דערציילן מעשׂיות פֿון מוזיקאַנטן־וווּנדערקינדער און אים פֿירזאָגן, אַז אויך ער, זייענדיק אַ וווּנדערקינד, וועט מיט דער צייט ווערן אַ געניאַלער זינגער. "מען דאַרף, אָבער אַ סך אַרבעטן און אַנטוויקלען די שטימע".

אין גיכן האָט די משפּחה אַלעקסאַנדראָוויטש פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף און זיך אַריבערגעקליבן קיין ריגע, ווו עס האָט שוין דעמאָלט פֿונקציאָנירט די יידישע מעצענאַטישע פֿאָלקס־קאָנסערוואַטאָריע, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין וואָקאַלע אָפּטיילונג און קיין קינדער האָט מען דאָרט ניט אַריינגענומען.

מישעס טאַטע האָט איינגעלייגט וועלטן. צום סוף האָבן די פּני, כּדי פּטור צו ווערן פֿון דעם דאָקוטשליוון פֿאָטער, געגעבן זייער הסכּמה אויסצוהערן דאָס קינד. ער האָט פֿאַר די פּראָפֿעסאָרן געזונגען אַ ריי פֿאָלקס־לידער, צווישן זיי "שלאָף מיין קינד, מיין אוצר טייערער" און צום סוף – "הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן". די דאָזיקע ליד האָט ער פֿאַרענדיקט מיט אַזאַ מוראדיקער עקספּרעסיע, אַז דער פּעדאַגאָג איז בלאַס געוואָרן, "עס האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן די הענט" . ער האָט זיך אומגעקערט צום דירעקטאָר פֿון דער קאָנסערוואַטאָריע, קוואַרטינען (דער ברודער פֿון דעם וועלט־באַוווּסטן חזן זבולון קוואַרטין). ווען דער דירעקטאָר האָט אים אויסגעהערט, האָבן זיך טרערן באַוויזן אין זיינע אויגן, און ער האָט פֿאַראָרדנט אים אַריינגעמען אין פֿאָרטאָפּיאַנאָ־קלאַס. מיט דעם נייעם תּלמיד האָבן זיך פֿאַרנומען די פּראָפֿעסאָרן ווייסביין און שלמה (סאָלאָמאָן) ראָזאָווסקי (דער זון פֿון דער ריגער הויפּט־שילס חזן, ברוך ראָזאָווסקי – רימסקי קאָרסאַקאָווס אַ שילער), וועלכע האָבן זייער גיך פֿאַרשטאַנען, אַז דער קליינער מישע איז ניט קיין פּשוטער "יידישער זינגער". דערפֿאַר האָבן זיי אָנגעהויבן שטודירן מיט מישען אַ קלאַסישן קאַמערנעם רעפּערטואַר – לידער פֿון שובערטן, גריגן, הונאָ, רימסקי־קאָרסאַקאָוון, גלינקען, ביזע א.אַ... די צווייטע טייל פֿון דער פּראָגראַם האָט באַדאַרפֿט באַשטיין פֿון יידישע פֿאָלקסלידער. 2 יאָר האָבן געדויערט די צוגרייטונגען צו מישעס ערשטן קאָנצערט, פֿאַר דער דאָזיקער צייט האָט ער פֿולקאָם באַהערשט די נאָטן־שריפֿט און פֿריי געלייענט זיי פֿון די פּאַפּיר־בויגנס. אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פֿון זיין שטימע און זיין אָטעמען האָט זיך קיינער נישט פֿאַרנומען. שטעלנדיק דעם אַקצענט אויף דער עמאָציאָנעלער אויסדריקלעכקייט פֿון זיין שטימע און אויף דער

אַלגעמיינער מוזיקאַלישער אַנטוויקלונג פונעם קינד, האָבן די פּעדאַגאָגן דערלויבט אים זינגען אַזוי, ווי ער קאָן.

אַלעקסאַנדראָוויטשן איז נאָך ניט געווען קיין גאַנצע 9 יאָר, ווען זיינע פּעדאַגאָגן האָבן באַשלאָסן אים פאָרשטעלן פאַר דער אָרטיקער מוזיקאַלישער וועלט און פאַר דער פּרעסע. אין דעם גרויסן זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכער נעמט אַריין 200 צוהערערס, האָט דאָס יינגעלע אויסגעפילט זיין צווייטייליקע פּראָגראַם, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אין די פּראָפעסיאָנאַלע קרייזן ווי אַ גרויסע סענסאַציע. ווייל צווישן די דערמלטיקע וווּנדער־קינדער (פּיאַניסטן, דיריזשאָרן פידלער און וויאָלאָנטשעליסטן) זענען קיין זינגערס ניט געווען. אין די שילן און קלויסטערס זענען געווען קינדער - משוררים, סאָליסטן - אָבער קיינער פון זיי האָט נישט גענוצט די קלאַסישע און פאָלקס־מוזיק.

ווען אַלעקסאַנדראָוויטשעס שטימע האָט אָנגעהויבן זיך בייטן און פאַרלירן איר פּילפּאַרביקייט, האָט דעם יונגן זינגערס טאַטע באַשלאָסן איבעררייסן דעם זונס מוזיקאַלישע אַרויסטרעטונגען און געזאַנג־שטודיעס. מישע האָט אויפגעהערט צו פאַרדינען געלט אויף חיונה, דערפאַר, אָבער איז ניצל געוואָרן זיין שטימע. זי האָט זיך צו אים צוריקגעקערט ווען ער איז געוואָרן 17 יאָר אַלט. -ניט קיין הויכער טענאָר מיט אַ קורצער טעסטור - נאָר שוין אַן אויסגעפאָרעמט אייגן קול, וועלכן מען פלעגט דערקענען פון די ערשטע קלאַנגען.

איצט האָט ער שוין ניט געטאָרט זינגען ווי "דער פרייער פויגל" - ער האָט באַדאַרפט אַנטוויקלען און טרענירן די קינסטלעכע אָטעמונג, לערנען זיך צו פאַרשטיין דעם סטיל, דעם טעקסט און דעם אונטערטעקסט. ביז גאָר וויכטיק איז געוואָרן אָנזאַמלען דעם געהעריקן רעפּערטואַר, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די אייגנשאַפטן פון זיין טענאָרישער שטימע, באַקומען אַלגעמיינע מוזיקאַלישע בילדונג, כדי צו פאַרשטיין די פּאַרטיטורע, און אַנטוויקלען דעם מוזיקאַלישן גוסט. דאָס איז אַ פּראָצעס, וועלכער פאָדערט 6-7 יאָר פון אינטענסיווער אַרבעט און בילדונג. אָבער די מאַטעריעלע לאַגע פון דער משפחה איז געווען אַ ביז גאָר שווערע און צו 18 יאָר האָט אַלעקסאַנדראָוויטש געמוזט שוין רעגולער אַרויסגיין אויף דער בינע און זינגען. אים האָט אָפּגעגליקט. די רעפּוטאַציע פון זיינע קינדער־יאָרן האָט אים געהאָלפן אָנערקענט צו ווערן באַלד פון זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען.

לעטלאַנד אָבער, האָט זיך אין יענער צייט שוין געפונען אונטער דער השפעה פון דעם נאַצישן דייטשלאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשיידענע רדיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אין דער צייט ווען אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך זייער גענייטיקט אין הילף, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמאַכן אַלע טירן פאַר אים. און זיין טאַטע האָט ווידער ווי פריער גענומען דאָס אָנפירן מיט דעם זונס ענינים אין זיינע הענט. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז די בעסטע פּערספּעקטיוו פאַר דעם זון איז ווערן אַ חזן. מישע האָט גענומען גרייטן דעם געהעריקן חזנישן רעפּערטואַר מיט וועלכן ער איז פריער ניט געווען באַקאַנט, ער האָט געהאַלטן, אַז פאַר אַ קאַמערנעם זינגער איז חזנות אַ דערנידערונג. ער האָט זיך געשעמט צו פאַרנעמען מיט דעם דאָזיקן עסק. ער האָט אָבער ניט געקאָנט אָפּזאָגן דעם טאַטן און האָט גענומען הערן די פּלאַסטינקעס פון גאונישע חזנים, זיך אַריינגעצויגן אין דעם חזנישן רעפּערטואַר, און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין זוכן זיין נייעם מזל. ער איז אַוועק נעמען אַן אָנטייל אין אַ קאָנקורס, קיין מאַנטשעסטער, וווּ מען האָט געזוכט אַ יונגן חזן. דאָרטן זענען אויסגעהערט געוואָרן

120 קאַנדידאַטן, מישע אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָפּגעזונגען דעם פּרייטיקדיקן קבלת שבת, און שבת-שחרית און מוסף. צו מאָרגנס, זונטיק האָט מען אים פֿאָרגעלייגט אַ קאָנטראַקט, וועלכן ער האָט אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד און מיט מורא, ווייל עס זענען פֿאָרגעשטאַנען די ימים נוראים און ער, פֿילנדיק זיך ווי אַ דילעטאַנט, האָט געציטערט. און כאָטש אין די יום־כּיפּורדיקע תּפֿילות האָט ער געמאַכט אַ סך גרייזן. האָט דער עולם אים זייער פֿריינדלעך אויפֿגענומען. אַ גאַנץ יאָר האָט ער שווער געאַרבעט איבער דעם רעפּערטואַר. אין אַ יאָר אַרום, דערלערנענדיק דעם נוסח מיט דער הילף פֿון פּלאַסטינקעס, און קאָפּירנדיק די ניגונים פֿון די וועלט־באַרימטע קאָריפֿייען פֿון יענער צייט - יאָסעלע ראָזענבלאַט, גערשמאַנען, קוואַרטינען און פּינטשוקן - איז ער שוין געוואָרן אָנערקענט ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער חזן. די קאָלאָראַטור פֿון זיין שטימע, אָן וועלכער חזנות איז אוממעגלעך, איז געווען זייער אַ רייכע. זי האָט פֿאַרמאָגט אַ צערטלעכן געפֿילרייכן פּיאַניסימאָ אין די אויבערשטע נאָטן.

מיט דער צייט האָט ער זיך אַריבערגעקליבן צוריק קיין לעטלאַנד און דערנאָך קיין ליטע און איז געוואָרן דער חזן פֿון קאָוונע.

אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפֿירט אין חזנות די טעכניק פֿון דעם איטאַליענעשן בעלקאַנטאָ, וועגן וועלכן די אָרטאָדאָקסישע חזנים האָבן ניט געהאַט קיין שום אַנונג. זיי האָבן געזונגען, יעדער איינער אויף זיין שטייגער פֿון וואָקאַלישן שטאַנדפּונקט אָפּט זייער ניט פּראָפֿעסיאָנעל, אָבער פֿון חזנישן - געניאַל. אַזוי אַז דער עולם האָט געשלונגען און זיך מחיה געווען. אָבער די מענטשן פֿונעם נייעם דור, וועלכע זענען שוין געווען באַקאַנט דורך פּלאַסטינקעס און ראַדיאָ מיט די געזאַנגען פֿון קאַרוזאָ, דזשילי, סקיפּאַ און אַנדערע גרויסע זינגערס, האָבן פֿאַרלאָזט די אָרטאָקסישע שיל און זענען געוואָרן פֿאַרליבט אין אַלעקסאַנדראָוויטשעס זינגען, וואָס איז באַשטאַנען האַלב פֿון חזנות און האַלב פֿון אָפּערע־געזאַנג. דאָס האָט אַרויסגערופֿן שנאה און קנאה ביי די אָרטאָדאָקסן. אין דער סלאָבאָדקער ישיבה האָבן זיך אָנגעהויבן שטורעמדיקע פּראָטעסטן קעגן דער שיל און דעם יונגן אומבאַווייבטן און ניט באַבאָרדיקטן חזן, וועלכער האָט אַריינגעפֿירט אין דער יידישער נגינה פּרעמדע מאָטיוון און "גויישע שטיק", זיי האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן חטא, פֿאַרווערט גיין אין דער דאָזיקער שיל אַריין, געדראָט אַריינלייגן דעם חזן און זיינע צוהערער אין חרם.

דערצו נאָך האָט אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן געבן אין דער דאָזיקער שיל קאָנצערטן אין דער באַגלייטונג פֿון דעם סימפֿאָנישן אָרקעסטער. האַלב פֿון די אָרקעסטראַנטן זענען געווען גויים. און די קאָוונער יידן, ניט געקוקט אויף די הויכע פּרייזן פֿון די בילעטן. האָבן זיך געריסן אין דער שיל אַריין. די אָרטאָדאָקסן האָבן געדראָט מיט חרם און אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ניט אויפֿגעהערט צו זינגען די אַריעס פֿון לענסקי און פֿון דעם "ליבע געטראַנק" אויף יידיש. די צוהערער זענען געווען אַנטציקט און די סלאָבאָדקער ישיבה האָט געשטורעמט. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז ס'האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם קאָנפֿליקט דעם פּרעזידענטס, סמעטאָנעס קאָנסולטאַנט. דער אולטראַרעליגיעזער רב שאַפּיראָ, ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט בקול רם זיך געווענדט צו די אויפֿגעקאָכטע יידן:

"אַלע לעצטע יאָרן האָבן מיר זיך פֿאַרנומען מיט איין פּראָבלעם: ווי אַזוי צוציען די יידישע יונגע מענטשן אין שיל אַריין? כדי ניט צו פֿאַרלירן זייערע קונים און קליענטן, האָבן יידן דאָך אויפֿגעהערט צו פֿאַרמאַכן שבת זייערע געשעפֿטן און זיי אַרבעטן אין

שבת! וויאַזוי אָפּשטעלן דעם דאָזיקן שעדלעכן פּראָצעס? אונדזער דערפֿאָלג אין דעם ענין איז זייער קליין. יידן גייען אין שיל אַריין אַלץ ווייניקער און ווייניקער. און אָט איז צו אונדז געקומען אַ יונגערמאַן און מיר ראַנגלען זיך מיט די יידן וואָס שטראָמען אין יענער אפּיקורסישער שיל. מען מוז אַרויסרופֿן פּאָליציי צו צעיאָגן די וואָס רייסן דעם פּאַרקן און די טירן און האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אַריין אין דער דאָזיקער שיל. דאָס איז זייער ניט גוט. מיר דאַרפֿן דעם יונגן חזן האַרציק באַגריסן. ער איינער טוט מער אויף אויפֿצוהאַלטן יידישקייט, ווי מיר אַלע.

אין די זומער חדשים פֿלעגט אַלעקסאַנדראָוויטש פֿאָרן קיין איטאַליע. ווו ער האָט געגעבן קאָנסולטאַציעס ביי די בעסטע זינגערס און מוזיקאַנטן.

די סאָוועטישע מאַכט, וואָס האָט אין 1940 אָקופּירט די בייבאַלטישע לענדער, איז געווען קעגן אַלעקסאַנדראָוויטשעס חזנות. אָבער זיין איטאַליענישע אויסשולונג האָט אים געהאָלפֿן אין זיין אַרטיסטישער קאַריערע אין ראַטנפֿאַרבאַנד. במשך פֿון די מלחמה יאָרן האָט אַלעקסאַנדראָוויטש "געקעמפֿט" מיט דעם שונא אויף די פֿראָנטן מיט זיינע איטאַליענישע, רוסישע, דייטשישע, זעלטן מיט יידישע און אויך מיט 1-2 סאָוועטישע לידער. מען האָט דעם זינגער שטענדיק אויפֿגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם און מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. אין 1947 האָט די מלוכה צוגעאייגנט אַלעקסאַנדראָווישטן דעם ערן־טיטול - פֿאַרדינסטפֿולער אַרטיסט פֿון דער סאָוועטיש רוסישער רעפּובליק.

ניטאָ קיין זינגער, וואָס זאָל ניט שטרעבן צו זינגען אין דער אָפּערע. די ליטווישע רעגירונג און די אָפּערע־אָנפֿירערס, ניט געקוקט אויף דעם אָנוואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם, האָבן אים געבעטן זינגען אין די אָפּערעס. זיי האָבן גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלעקסאַנדראָוויטשעס זינגען אין אָפּערע־טעאַטער וועט מערקווירדיק פֿאַרגרעסערן די הכנסה. אָבער ווי נאָר דער זינגער האָט אָנגעהויבן רעפּעטירן די ערשטע פּאַרטיעס - אַלמאַוויווע און לענסקי - האָט ער באַלד דערפֿילט צו זיי אַ ווידערווילן. מחמת זיין קליינעם וווקס (158 צענטימעטער), זיין ניט הויכע לירישע שטימע, האָט ער זיך געפֿילט ניט באַקוועם צווישן די אַנדערע זינגערס. ער האָט ניט געקאָנט זיך אונטערקלייבן קיין פּאַרטניאָרשע - אַלע זענען געווען אויף 20 צענטימעטער העכער און אויף 20 קילאָ שווערער פֿון אים, און זייערע שטימעס זענען געווען אַ סך העכער פֿון זיינער. פֿון דעם אַלעמען האָט ער שטאַרק געליטן.

אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ליב געהאַט זיך טרעפֿן מיט זיינע צוהערער פּנים אל פּנים, פֿון דער נאַטור איז ער געווען אַ זינגער, וואָס האָט געקאָנט אויספֿילן מיט דער גרעסטער מייסטערשאַפֿט יעדע מוזיקאַלע יצירה, נאָר דעמלאָט, ווען ער האָט געזונגען אַליין. אָבער די סאָוועטישע אָנפֿירערס האָבן דאָס אַלץ איגנאָרירט און דער דעמאָלטדיקער קולטור־מיניסטער, לעבעדיעוו, אָן דעם זינגערס הסכמה, האָט פֿאַראָרדנט אויסנוצן אַלעקסאַנדרוויטשן אַלס אַ "סאָליסט פֿונעם מאָסקווער "באָלשאָי" (גרויסן אָפּערע טעאַטער) און ער זאָל צוגרייטן 5 אָפּערע־פּאַרטיעס. פֿון אָט דעם אומדערוואַרטן נסיון האָט אַלעקסאַנדראָוויטשן אָפּגעראַטעוועט דער סקאַנדאַל מיט דער "קאָסמאָפּאָליטישער" אָפּערע פֿון מוראַדעלי. די סאָוועטישע מאַכט האָט אַרויסגעטריבן דעם מיניסטער לעבעדיעוון, און דער נייער מיניסטער האָט וועגן דעם זינגער פֿאַרגעסן.

אין 1946 האָט די יידישע וועלט אין די שילן אָפּגעמערקט אַ ייזכרו־טרויער־טאָג נאָך די 6 מיליאָן יידן, אומגעקומענע אין די נאַצישע אויסראָטונגס־לאַגערן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פֿון נעמען אַן אָנטייל אין אָט דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַקציע. די געהעריקע אָרגאַנען, וועלכע זענען געווען גוט באַקאַנט

מיט אַלעקסאַנדראָוויטשעס ביאָגראַפיע, האָבן אים אַרויסגערופן און באַפוילן אויספילן די נייטיקע תפילות אין דער גרויסער מאָסקווער קאָר־שול. די לעצטער קאָן אַריינגעמען ניט מער ווי אַנדערטהאַלבן טויזנט מענטשן. אָבער עס זענען געקומען 20 טויזנט, ווייל ס'איז ניט געווען קיין איין יידישע משפחה, אין וועלכער ס'זענען נישט געווען קרבנות, עס זענען געקומען אין שיל אַריין דער גאַנצער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס, אַ ריי מיניסטאָרן. (צווישן זיי דער האַנדלס־מיניסטער זשעמטשוזשינע - מאָלאָטאָווס פרוי, וועלכע איז צוליב דעם באַשולדיקט געוואָרן ווי אַ "נאַציאָנאַליסטקע" און פאַרשיקט געוואָרן אין איינעם פון די לאַגערן). עס זענען געקומען גענעראַלן און מאַרשאַלן און פאַרשטייערס פון דער אויסלענדישער פּרעסע. און ווען אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָנגעהויבן זינגען "אל מלא רחמים" האָט זיך אין זאַל ווי עפּעס איינגעבראָכן: אַ געיאָמער, מענער־אָפּיצערן, סאָלדאַטן און גענעראַלן האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָבן געוויינט אויף אַ קול, פרויען זענען געפאַלן אין היסטעריעס, עטלעכע האָבן אין חלשות פאַרלוירן זייער באַוווסטזיין. זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן מיט די צוגעגרייטע אויטאָמאָבילן פון דער "גיכער הילף" אין די שפּיטאָלן אַריין.

אין די צייטונגען פון אַלע לענדער זענען וועגן דעם אָפּגעדרוקט געוואָרן אַרטיקלען און פאָטאָמאַטעריאַלן, וועלכע האָבן גוטווילי באַלויכטן דעם דאָזיקן ייזכור־אָוונט אין דער גרויסער מאָסקווער קאָר־שול. אַזוי אַרום האָט די סאָוועטישע מאַכט דערגרייכט איר ציל - דערלאַנגט אַ קלאַפּ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע פלעגט אַליאַרמירן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד קומען פאָר רדיפות אויף רעליגיע.

אחרי ככלות הכל, האָט די אָנפירונג פון דער שיל, בראש מיט דעם רב שלמה שלייפער ז"ל (אַ מיטגליד פון דעם סאָוועטישן יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט) זיך געווענדט צום צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט אַ ביטע, דערלויבן אַלעקסאַנדראָווישטן דאַוונען אין דער שיל ראש־השנה און יום־כיפור. אַזאַ אָפיציעלע דערלויבעניש האָט די שיל באַקומען, און אַלעקסאַנדראָוויטש גופא האָט באַקומען אַ בריוו, אַז די פּאַרטיי בעט אים באַפרידיקן די בקשה פונעם רב און פון דער שיל־פאַרוואַלטונג.

צוויי יאָר - 1946 און 1947, אין דער באַגלייטונג פון אַ הויך קוואַליפיצירטן כאָר, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידישע סאָליסטן - אַרטיסטן פונעם "גרויסן מאָסקווער טעאַטער" - האָט אַלעקסאַנדראָוויטש אָפּגעריכט די ימים־נוראימדיקע תפילות־קאָנצערטן. ניט געקוקט אויף די הויכע פרייזן פון די בילעטן, איז די שיל געווען איבערגעפולט. הערן אַלעקסאַנדראָוויטשן זענען געקומען גלחים, פּאָפּן און פאַרשטייערס פון אַנדערע קאָנפעסיעס. טויזנטער מענטשן האָבן פאַרפולט די גאַס און פאַרכישופטע, איינהאַלטינדיק די אָטעמס, האָבן זיי דורך די רעפּראָדוקטערס געהערט דאָס געזאַנג און דעם געבעט פון זייער שליח ציבור. דער פילבאַרער און באַגייסטערטער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזונגען מיט גרויס געפיל.

דערנאָך האָט ער דערציילט, אַז כאָטש ער איז נישט קיין גלויביקער, האָט זיך אים דאָ, אין דעם פול געפּאַקטן פון יונגע און אַלטע מענטשן (נישט נאָר יידן) זאַל, בעת דעם דאַוונען, באַזונדערס, בעת "כל נדרי", און "יעלות", בעת די תפילות "הנני האדם ממעש נרעש ונפחד" און "נתנה תוקף", ווען דער עולם פלעגט צוזאַמען מיט אים איבערחזרן דעם רעפרען "בראש השנה ייכתבון") "מי בחיים ומי במוות" פלעגט זיך אים, דעם אפיקורס, אויסוויזן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און אַז עס לעבט דאָס

געראַטעוועטע יידישע פֿאָלק, וועמען ער איז שולדיק אַ חוב, וועלכן ער איז מחויב צו צאָלן און צאָלן... עס איז אָבער ניט באַשערט געווען. עס איז אָנגעקומען דאָס פֿאַרשאָלטענע 1948 יאָר. אין פּולטאָן איז אַרויסגעטראָטן טשערטשיל מיט זיין באַוווסטער אַנטיסאָוועטישער רעדע, וועלכע האָט באַטייט דעם אָנהויב פֿון דער "קאַלטער מלחמה", און סטאַלינס הייסע מלחמה קעגן דעם יידישן פֿאָלק. און ווען די שיל האָט צום דריטן מאָל זיך געווענדט צום צענטראַלן קאָמיטעט מיט דער פֿריערדיקער ביטע, האָט ניט די שיל, נאָר אַלעקסאַנדראָוויטש גופֿא, דערהאַלטן אַ בריוו, אַ געחתמעטן מיט די אונטערשריפֿטן פֿון די זעלבע פֿריערדיקע פּירערס, אַז "איך, דעם פֿאַרדינסטפֿולן אַרטיסט פֿון דעם סאָוועטישן לאַנד, איז ניט באַקוועם צו זינגען אין אַ סינאַגאָגע".

מיכאַל אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אויפֿגעהערט צו דאַווענען, אָבער זיינע קאָנצערטן אין ראַטנפֿאַרבאַנד זענען נאָך אַ לאַנגע צייט אָנגעגאַנגען, אמת, אין מאָסקווע, - אַ סך זעלטענער ווי פֿריער. פֿאַרוואָרן אים זינגען האָט די מאַכט שוין ניט געקאָנט. ניט פֿון די אָנגעשראָקענע יידן, נאָר פֿון מוזיקאַלע ליבהאָבער און פֿון פֿאַרשיידענע סאָוועטישע קולטור-אָרגאַניזאַציעס, פֿלעגן אָנקומען אין "מאָסקאָנצערט" טויזנטער בקשות איינצואָרדענען אַלעקסאַנדראָוויטשעס קאָנצערטן. דער זינגער איז פֿאַנטאַסטיש געווען פּאָפּולער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אין ראַטנפֿאַרבאַנד 20 פּלאַטן לידער מיט אַ טיראַזש פֿון 2 מיליאָן איינסן. אָבער זיין רעפּערטואַר, באַזונדערס דער יידישער אָפּטייל, איז אַלע מאָל געוואָרן קירצער און קירצער: אין אַ קאָנצערט, וועלכער פֿלעגט באַשטיין פֿון ניט ווייניקער ווי 20 אַריעס און ראָמאַנסן פֿון די וועלט-באַוווסטע קאָמפּאָזיטאָרן (מאָצאַרט, סטראַדעלאַ, סעבאַסטיאַן באַך, מאַסנע, לאַבריאַן, האַלעווי, מאַטעאָ, טשייקאָווסקי, גלינקאַ און אַנדערע) פֿלעגן די ליטצענזור אָרגאַנען דערלויבן דעם זינגער אויספֿילן ניט מער ווי 2 יידישע לידער: יאַסענאָווסקיס "קדיש" און צום סוף, לייב פּולווערס "אַ גלעזעלע לחיים".

די אַטמאָספֿערע אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז פֿון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ מער אַ דערשטיקנדיקע (נישט נאָר פֿאַר דער יידישער אינטעליגענץ), באַזונדערס פֿאַר יידישע געלערנטע, קולטור טוערס און אַרטיסטן. ביי די ערשטע מעגלעכקייטן האָבן זיי דורכגעריסן דעם "אייזערנעם פֿאָרהאַנג" און עמיגרירט. אין 1971 האָט אַלעקסאַנדראָוויטש עולה געווען קיין ארץ ישראל. עטלעכע יאָר איז ער געווען דער הויפּט-חזן פֿון דער צענטראַלער ירושלמיער שיל. אָבער זיין קאָנצערט-טעטיקייט איז, צוליב אָביעקטיווע באַדינגונגען, געווען זייער באַגרענעצט. מיט ישראלדיקע לידער איז ער ניט געווען באַקאַנט און זיי האָבן ניט אַנטשפּראָכן זיין קינסטלערישן גוסט. אַלעקסאַנדראָוויטש איז אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער, האָט אויך ניט געפֿונען קיין מנוחה. צום סוף איז ער אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווו ער לעבט עד היום, קאָנסולטירט פֿאַרשיידענע זינגערס און אַרטיסטן.

צו 87 יאָר, טיילט זיך אויס אַלעקסאַנדראָוויטש מיט זיין ליכטיקן אינטעלעקט און מערקטיקן זיכרון, זיין שפּראַך און ריידן איז ביז גאָר גוט דורכגעטראַכט. ער זינגט שוין ניט מער, נאָר ווי פֿריער, אַלס אַ קאַמערנער זינגער, איז ער צוגעווינט רעדן מיט יעדן איינעם פּנים אל פּנים, ווי פֿריער זענען זיינע בליקן דורכדרינגלעך, אין די אויגן דערוועקן זיך די פֿריערדיקע פֿייערלעך. וועלכע ווערן אין גיכן פֿאַרזונקען אין זיינע אַלטע זיכרונות, ווי דאָס איז אייגנטימלעך פֿאַר ווייט ניט יונגע מענטשן.

די, וואָס האָבן געהאַט די זכיה אים הערן און קוויקן זיך מיט זיין וווּנדערלעכער שירה וזמרה, וועלן אים קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

## גרוניאַ סלוצקי־קאַהן / מאָנטרעאָל

# דער חזיר און די גאַנדז

אַ חזיר איז געלעגן אין בלאָטע
און מיט אייפערזוכט געקוקט
אויף דער שיינער, ווייסער גאַנדז,
ווי שטאָלץ זי שפּאַצירט און קאָקעטירט
און פּוצט די פּעדערלעך די ווייסע.

"פאַר ווען פּוצסטו זיך אַזוי?"
פרעגט דער חזיר.
"פאַר מיין געליבטן.
זעסט, ער באָדט זיך דאָ אין טייכל",
ענטפערט די גאַנדז דעם חזיר מיט אַ שמייכל.

"און איך האָב ליב צו פּלוסקען זיך אין בלאָטע.
ווי נאָר איך שטעק די נאָז אַריין אין טייך
הויב איך אָן צו הוסטן גלייך,
און צו ניסן,
דאָס לייב וואָלט איך אויף זיך צעריסן,
ס'פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם".

"האָב נישט קיין מורא,
פּרוביר און שטעק אַריין די פיס;
ס'וועט ניט פאַרכאַפּן דיר דער אָטעם,
גלויב מיר, דו וועסט ניט האָבן קיין חרטה,
דאָס וואַסער איז היינט אַזוי פריש,
געניס, וואַש אָפּ דעם שמוץ,
וועסט פילן אַ סך בעסער,
און אַלע וועלן דיך באַוווּנדערן:
אַ העלד אַ חזיר,
קוקט אים אָן! ווי ריין ער איז,
אַזוי שיין אָנגעטאָן,
גאָר נישט געראָטן אויף קיין חזיר",
דערמונטערט אים די גאַנדז.
"נו, וואָס גלאָצסטו מיט די אויגן?"

"כריוו, כריוו. לאָז מיך צו רו!
ס'איז אַ סך בעסער צו פּלוסקען זיך אין בלאָטע,
ווי באָדן זיך אין טייך".

אַ חזיר בלייבט אַ חזיר...

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **רבקה באַסמאַן בן־חיים**: "די דריטצנטע שעה" - לידער. 84 זז׳, **פאַרלאַג** "ישראל־בוך" תל־אביב, 2000. צייכענונגען - **מולה בן־חיים. אַ** מאָדנע כישוף האָבן די לידער פון רבקה באַסמאַן בן־חיים וואָס זענען ווי געשליפענע קרישטאָלן, דין־דורכזיכטיק און ראַפינירט. אָט ווי זי שרייבט: "דעם גרעסטן כישוף/טוט מען זיך אַליין:/די טויבן וואָס דו לאָזט אַרויס/פון פוסטע הענט/דאָס פייער וואָס דו שלינגסט אַריין/ און ווערסט ניט פאַרברענט,/ווו איז נאָך אַזאַ כישוף פאַראַן?". ווילט זיך צוגעבן: אין די לידער פון רבקה באַסמאַן!

* **"די צוקונפט"**, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק אָקטאָבער־דעצעמבער 2000. רעדאַקטירט דורך אַ קאָלעגיע.

* **"יידישע קולטור"**, חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד, ניו־יאָרק אָקטאָבער־דעצעמבער 2000. רעדאַקטאָר - **איטשע גאָלדבערג**, רעדאַקציע סעקרעטאַר - **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**. דער נומער איז אין גרעסטן טייל געווידמעט דער טראַגישער דאַטע פון 12־טן אויגוסט 1952. צ"אַ שרייבן וועגן די אומגעבראַכטע יידישע שרייבערס אין געוו. סאָוועטן־פאַרבאַנד זייערע יתומים, אין אַן ענטפער אויף אַ בריוו פונעם רעדאַקטאָר **איטשע גאָלדבערג**.

* **"אויפן שוועל"**, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, אָקטאָבער־דעצעמבער 2000, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר - **ד"ר מרדכי שעכטער**.

* **"אונדזער צייט"**, אָרגאַן פון קאָאָרדינער־קאָמיטעט פון בונד, סעפטעמבער־אָקטאָבער 2000, ניו־יאָרק. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* **"לעבנס־פראַגן"**, סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. יאַנואַר־פעברואַר 2001, תל־אביב. רעדאַקטאָר - **יצחק לודען**.

* **"יוגנטרוף"**, אַלוועלטלעכער יידישער יוגנט־זשורנאַל, אַפּריל־אויגוסט 2000, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר - **לאה ראָבינסאָן**, מיטרעדאַקטאָרן: **הערשל גלעזער, שבה צוקער**.

* **"דער אָנהייב"** נומער 29, מיאַמי־ביטש 2000. רעדאַקטאָר - **אַלעק סילווער**, סעקרעטאַר - **חיים לעווין**.

* **"צום פּונקט"**, יידיש פון גרויס וואַשינגטאָן, יאַנואַר־פעברואַר 2001. עס איז אַ גוט רעדאַקטירטער בולעטין אין יידיש און אין ענגליש. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל - **בערנאַרד קאָנאָפּקאָ** פון ענגלישן טייל - **שעלבי שאַפּירא**.

* **"יידישע העפטן"**, נומער 48, פּאַריז, מערץ 2001. רעדאַקציע־קאָמיטעט - **הענרי בולאַווקאָ, קלאָד האמפעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין** און **שאַרל זאַבוסקי**.

---

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער פריינד, דעם

געזעלשאַפטלעכן טוער און פאַרוואַלטונגס־מיגליד פון

יידישן קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס

**מענדל סלוצקי**

צו זיין 95־טן געבוירן־יאָר. טייערער מענדל, מיר ווינטשן

אייך נאָך אַ סך געזונטע אַקטיווע יאָרן צוזאַמען מיט

אייער ליבער פרוי רחל, ביז 120!

**פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־קלוב**

**רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע "חשבון"**

# כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## 2000

* מוצאי שבת דעם 28־סטן אָקטאָבער, דערעפֿענונג פון נייעם קולטור־סעזאָן. קאָנצערט־אָוונט אויסגעפֿירט דורך דער זינגערין **ליזאַ וואַנאַמייקער** מיט דער באַגלייטונג פון די מוזיקער **ליאַ טשעליאַמאָה** און **דזשאָרדאַן טשערנאָווסקי** אין אַ פּראָגראַם פון יידישע, העברעישע און לאַדינאָ לידער.

* מוצאי שבת דעם 11־טן נאָוועמבער, ליטעראַרישער אָוונט: "חשבון" אין לעבעדיקן וואָרט" מיט דער באַטייליקונג פון: **לילקע מייזנער**, ד"ר **משה וואָלף**, **יעקב לעווין**, **שרה מאָסקאָוויטש**, **פּינע פּלאָטקין**, **מרים קאָראַל**, **פּסח מאַלעוויטש** און **משה שקליאַר**.

* מוצאי שבת דעם 18־טן נאָוועמבער, רעפֿעראַט פון ד"ר **משה וואָלף** אד"ט: דאָס לעבן און דער גורל פון רוסיש־יידישן שרייבער וואַסילי גראָסמאַן און זיין בייטראָג צום "שוואַרצן בוך". מוזיקאַלישער טייל - **רימאַ בערמאַן**.

* מוצאי שבת דעם 9־טן דעצעמבער, אָוונט געווידמעט י.ל.פּרץ צו זיין 85־סטער יאָרצייט. רעפֿעראַט פון **לילקע מייזנער**.

* מוצאי שבת דעם 23־סטן דעצעמבער, חנוכה־אָוונט מיטן אנטייל פון דער פֿאָלקס־זינגערין **סידני פּעילי**. חנוכה־לידער בציבור.

## 2001

* מוצאי שבת דם 13־טן יאַנואַר, פּאָרלייענער **יעקב באַסנער** רעדט און לייענט פון די ווערק פון משה נאַדיר. מוזיקאַלישער טייל, **סעם קאַנווייזער** - פֿידל.

* מוצאי שבת דעם 27־טן יאַנואַר. רעפֿעראַט פון **לילקע מייזנער**: יידישע שרייבערס אין פֿרעמדע שפּראַכן. נאָך דער לעקציע האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטער מיינונגס־אויסטויש.

* מוצאי שבת דעם 10־טן פֿעברואַר. לעקציע פון פּראָפֿעסאָר **דזשעראַלד פּרייקאָס**: יידיש אין נייעם יאָרטויזנט.

* מוצאי שבת דעם 13־טן מערץ. פּראָפֿעסאָר **דזשאַנעט האַדאַ**, לעקציע אד"ט: ווי אַזוי ווערט געבוירן אַ טעמע - מיין וועג צו דער ביאָגראַפֿיע פון אַלען גינזבורג, דעם פּאָעט פון פּראָטעסט. מוזיקאַלישער טייל אויסגעפֿירט דורך דער פּיאַניסטין **רות דזשאַטקאָוויטש**.

* מוצאי שבת דעם 10־טן מערץ, **הערשל האַרטמאַן**: פּורים־מאָטיוון און יידישע יום־טובים אין ליכט פון דער וויסנשאַפֿט. מוזיקאַלישער פּראָגראַם אויסגעפֿירט דורך **פּעי אַבראַמאָוויטש־וויערניק**. זינגערין, פּיאַנאָ־באַגלייטונג - **דזשעי האַרויט**, אין מאַנגערס מגילה־לידער.

*מוצאי שבת דעם 24־טן מערץ: "שלום־עליכם אויף דער בינע", אַראַנזשירט און אויסגעפֿירט דורך דעם אַקטיאָר **יעקב לעווין**.

* מוצאי שבת דעם 31־סטן מערץ, קאָנצערט־אָוונט, אויסגעפֿירט דורך דעם כאָר "מיט געזאַנגט", דיריגענט - **מישעל גרין־ווילנער**.

**נתן שטיינמאַן**

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

# אַרכיוו ווינקל

## רשימה פון קולטור־אָוונטן אין זמן 1950–1951

ווי מיט אַ יאָר צוריק, ברענגען מיר דערמאָנונגען וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער קולטור־קלוב מיט 50 יאָר צוריק.

א) שבת אָוונט, דעם 14טן אָקטאָבער: אָפיציעלע דערעפענונג פון 25טן זמן און ביבליאָטעק, באַטייליקטע; פייגעלע פאַניץ, יודזשינאַ ברומאַן, מאַניאַ טשערניאַווסקי, אירווינג ראָס, פּיאַנאָ, און זיגמונד ליעוו. פאָרזיצער פון אָוונט; י. פרידלאַנד.

ב) שבת אָקטאָבער דעם 21טן, צו דער דערשיינונג פון כאַווער־פּאַרוועס בוך "גיבורים פון דער נאַכט". אָנטייל־נעמער אינם אָוונט; ליאָן מאַלאַמוט, אַרנאָלד טעני, ש. מילער, קלמן מרמר, י. פרידלאַנד; ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער.

ג) שבת, אָקטאָבער דעם 28טן; אינסטאַלירונג פון באַאַמטע, פאַרוואַלטונג און עקזעקוטיוו.

ד) שבת, נאָוועמבער דעם 4טן; ה. רויזענבלאַט - אַ רעפעראַט וועגן יידישער פּאָעזיע.

ה) שבת 11טן נאָוועמבער; אַ לעבעדיקע ליטעראַרישע זאַמלונג מיט דעם אנטייל פון: י. בראָנשטיין, מאַטעס דייטש, כאַווער־פּאַווער, י. פרידלאַנד, ברכה קודלי, פנחס בערמאַן, שפרה ווייס, לאָטי מלאך און יצחק ניומאַן.

ו) שבת אָוונט, 18טן נאָוועמבער; קליין־קונסט טעאַטער אָוונט, אַנטייל־נעמער; די שוישפּילער ראובן און לאה וועגדאָרף און עזרא שטיין.

ז) שבת, 25טן נאָוו., חודש פון יידישן בוך (פון 3טן נאָוו. ביז 3טן דעצ.). צווישן די אָוונטן פון חודש איז אויך געווען אַ שמ"ר פייערונג, צו דער גלעגנהייט פון דער דערשיינונג פון ראָוז שמר־באַטשעלי'ס בוך "אונדזער פאָטער שמר". אַנטיילנעמער; קלמן מרמר, זלמן זילבערצוויג, מאַטעס דייטש, ציליע סילווער, יעקב ניומאַן, ליאָן מאַלאַמוט, ראָוז שמר־באַטשעליס; ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער.

ח) שבת אָוונט, דעם 2טן דעצעמבער; פרץ הירשביין אָוונט. - אָנטיילנעמער; עמוס הירשביין משה ליבמאַן, אליהו טענענהאָלץ.

ט) שבת אָוונט 9טן דעצעמבער; - אַ חנוכה פייערונג, דורכגעפירט פאַראייניקט מיט דער מיטלשול.

י) שבת אָוונט, דעם 16טן דעצעמבער; אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער מיטגלידערשאַפט.

יא) שבת דעם 23טן דעצעמבער; ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון י. בראָנשטיינס ניי בוך לידער. אַנטיילנעמער; קלמן מרמר, בלייפער, חברה פינקלשטיין און דער מחבר פון בוך. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון אָוונט.

יב) שבת אָוונט, דעם 6טן יאַנואַר: אַ טעאַטער אָוונט, פון דער טעאַטער־גרופּע אונטער דער רעזשי פון אליהו טענענהאָלץ. אויפגעפירט; "דער זעלבער גורל" פון ישראל אַשענדאָרף, און שלום־עליכמס "ס'אַ ליגן".

יג) שבת אָוונט, דעם 13טן יאַנואַר; בשותפות מיט דעם ש. מילער בוך־קאָמיטעט ווערט אויפגענומען זיין ניי בוך "דור המדבר". אין אָוונט האָבן אַנטייל־גענומען; מ. פאָגל, ד"ר קורמאַן, י. ווייסשטיין, י. פרידלאַנד, כאַזאַנאָוו און מאָרגנשטערן, און דער מחבר פון בוך. א. ראַבינס פאָרזיצער.

יד) שבת, דעם 20טן יאַנואַר; קליין־קונסט אָוונט, אויפגעפירט פון לאה און ראובן וועגדאָרף, און צירל דזשאגזשינקסאַיאַ.

טו) שבת אָוונט, דעם 27טן יאַנואַר; אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

טז) שבת אָוונט, דעם 3טן פעברואַר; קבלת פנים פאַרן דיכטער יוסף רובינשטיין.

יז) שבת אָוונט, דעם 10טן פעברואַר; דער הונדערט יאָריקער געבורינטאָג פון י.ל. פרץ. אין פּראָגראַם באַטייליקן זיך; מ. פאָגל, מיס ראַשע, אין יידישע און העברעאישע לידער; זיגמונד ליעוו אין "מאָניש"; בען צוקערמאַן, פאָרזיצער.

יח) שבת אָוונט, דעם 17טן פעברואַר; צו דער גלעגנהייט פון 70 יאָריקן יובל פון דעם באַרימטן מוזיקער־קאָמפּאָזיטאָר, ערנסט בלאָך, האָט לייב גלאַנץ רעפערירט וועגן בלאָכס מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס.

יט) שבת אָוונט, דעם 24טן פעברואַר; אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

כ) שבת, דעם 3טן מערץ; אַן אינטימער ליטעראַרישער אָוונט מיט די באַטייליקטע חברים; בען צוקערמאַן, משה לייב קאַפּילאָף און י. פרידלאַנד.

כא) שבת אָוונט, דעם 10טן מערץ; אַן אָפּשייד־אָוונט פאַרן דיכטער יוסף רובינשטיין, מיטן אָנטייל פון ה. רויזענבלאַט ש. מילער, ר. האָניג.

כב) שבת אָוונט, דעם 17טן מערץ; י. ברזלי אין אימפּראָוויזאַציעס וועגן אַ צאָל דיכטער און זייערע שאַפונגען; לייוויק, ציטלין לוצקי, איציק מאַנגער, ה. רויזענבלאַט און ז. שניאור.

כג) שבת אָוונט, 24טן מערץ; אַ פּורים פאָרשטעלונג.

כד) שבת אָוונט, 31טן מערץ; ד"ר פראַנק אין אַ רעפעראַט איבער "די לעצטע פופציק יאָר יידישע

←

# שמואל באַט ז״ל

דעם 8־טן דעצעמבער פ.י. איז אַוועק אין דער אייביקייט דער יידישער שרייבער שמואל באַט, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן געלעבט און געשאַפן אין לאָס־אַנדזשעלעס און איז געווען אַקטיוו אין היגן יידישן קולטור־לעבן.

שמואל באַט איז געבוירן געוואָרן אין 1919 יאָר אין אַ קליין שטעטל אין וואָלין (דרום־מזרח פּוילן), געלערנט אין אַ העברישער גימנאַזיע, נאָך דער מלחמה פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט, געאַרבעט ווי אַ יוריסט און גלייכצייטיק געווען קאָרעספּאָנדענט פון אַן אוקראַאינישער צייטונג. בעת דער מלחמה האָט ער געדינט אין דער רויטער אַרמיי, געווען פאַרווונדעט אויפן פראָנט אין די שלאַכטן מיט די דייטשן.

אין 1957 האָט שמואל באַט זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן, געלעבט און געאַרבעט אין ווראָצלאַוו ווי אַ יוריסט און געווען אָרטיקער קאָרעספּאָנדענט פון דער וואַרשעווער יידישער צייטונג ״פאָלקס־שטימע״. אין 1969, אין רעזולטאַט פון דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין פּוילן, האָט שמואל באַט און זיין משפחה, צוזאַמען מיט טויזנטער יידן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער איז געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָ איז ער געוואָרן אַקטיוו אינעם ״יאַבלאָן־צענטער״ און שפּעטער האָט ער אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דעם קולטור־קלוב פון רוסיש־יידישע עמיגראַנטן אין מערב־האָליווד. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב.

שמואל באַט איז דער מחבר פון עטלעכע יידישע ביכער דערציילונגען און סקיצן, ער האָט זיך געדרוקט אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין פאַרשיידענע לענדער.

דער פאַראַבלטער פרוי ריווע,ביידע זין און זייערע משפחות דריקן מיר אויס טיפן מיטגעפיל.

כבוד זיין אָנדענק.

---

געשיכטע״. פאָרזיצער; י. פרידלנאַד.

כה) שבת אָוונט, דעם 14טן אַפריל; סימפּאָזיום וועגן קריזיס אין ישראל.

כו) שבת אָוונט, דעם 21טן אַפריל; צווייטער סדר מיט אַ פסח פראָגראַם דורכגעפירט פון אייגענע חברים מיטגלידער.

כז) שבת דעם 28טן אַפריל; אַן אָוונט פון ליד און פּראָזע, אָנטיילנעמער, די שרייבער; כאַווער־פּאַוער, יחזקאל בראָנשטיין, פינחס בערמאַן, י. פרידלאַנד און שפרה ווייס.

כח) שבת אָוונט דעם 12טן מאַי; 3 יאָר פייערונג פון מדינת ישראל.

כט) שבת אָוונט, דעם 19טן מאַי; טראַדיציאָנעלער שלום־עליכם אָוונט. מ. פּאָגל וועגן שלום עליכם; אליהו טענענהאָלץ, פאָרלייענונגען; פייגעלע פּאַניץ, פאָלקס־לידער; יודזשינאַ ברומאַן ביי דער פּיאַנאָ. ה. רויזענבלאַט, פאָרזיצער.

ל) שבת אָוונט, דעם 26טן מאַי; אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

לא) שבת, יוני דעם 2טן; מוזיקאַלישער אָוונט מיט דעם ישראל קינסטלער עמירם;

לב) שבת, יוני דעם 9טן; אַ שבועות פייערונג.

לג) שבת אָוונט, דעם 16טן יוני; אָפּשלוס פון 25טן זמן פון קולטור־קלוב.

לד) מיטוואָך אָוונט, דעם 18טן יולי; געדענק־אָוונט צו די שלושים נאָכן באַוווסטן שריפטשטעלער און קולטור־עסקן, ישראל אָסמאַן, איינגעאָרדנט פון קלטור־קלוב בשותפות מיט דער ביוראָ פאַר יידישער דערציונג און הסתדרות עברית.

לה) 10 קולטורעלע דאָנערשטיקן; שמועסן איבער פאַרשיידענע ליטעראַרישע און קולטור־פּראָבלעמען, אינטערן פאָרזיץ פון עזרא גודמאַן.

סך הכל – אין דעם זמן פון 1950–51 זענען דורכגעפירט געוואָרן 44 אָוונטן פון ליטעראַטור, געזאַנג, מוזיק, לעקציעס און דיסקוסיעס.

**יוסף סאָסקי – אַרכיוויסט**